NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07334

DER RAYTVOGN

Moshe Dluznowsky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה דלוּשנאָווסקי

דער רײַטוואָגן

משה
דלוזשנאָווסקי

דער דזטוואָגן

אַרויסגעגעבן פֿון דעם

אַלטער ראָזענטאַל-פֿאָנד
פֿאַר
ייִדישע
קינדער-
ליטעראַטור

ביי דער געזעלשאַפט „קולטור און הילף" א.נ. ארטור זיגעלבוים

בוענאָס-איירעס — 1958

אינהאַלט:

זייט

צו די לייענערס (אַריינפיר־וואָרט) — 9

I

מסירת־נפש און פריינטשאַפט

דער מאַרמאָרנער טאָוול — 13
זיידע רפאל קומט אָן — 19
אַ געהיימנישפולער שיפס־קאַפּיטאַן — 27
מוניע און זשאַן — 33
דער נייער נאָמען — 38
דער העלד פון לײדיקן עקספּרעס־צוג — 44
אַ וואַרעמער גלעט — 49

II

יידישע ימים־טובים

דעם זיידנס חנוכה־לאָמפּ — 55
דער לאַמטערן איבערן שניי — 61
אַ שלח־מנות טאַנץ — 66
דאָס מוטיקע יינגל — 71
ניט געוואָלט שפּילן המן — 76
ווער האָט געפרעגט די פיר קשיות — 82
לייבל און ערי בויען אַ שיף — 86
דער פאַרלוירענער בעכער — 89
בלויע נעכט פון פּסח — 95

III

איבער שטאָט און שטעטל

דער שוואַרצער בער און דער קרומער קלים — 103
דער בוים — 108
דער מאַן מיטן שפּיל־קעסטל — 112
אַן אייגענע קאַרוסעלע — 114
אַ קייטעלע — 116
דענים פריד — 123

IV

ביי יידן אין צפון־אַפריקע

דאָס גאָלדענע אויערינגל — 129
דער וואַסער־פאַרקויפער — 136
זעקס ווייסע שעפּסן — 141
סאָלייקאַ פון טאַנזשיר — 146

צו די לייענערס

(אַריינפיר־וואָרט)

דאָס דאָזיקע בוך האָב איך בכיוון אַ נאָמען געגעבן „**דער רייטוואָגן**". עס איז דער רייטוואָגן, וואָס קאָלערט זיך איבער לענדער און שטעט, שפּאַרט אָן אין די ערטער, וואו עס ליגן צעוואָרפן גרויסע יידישע קיבוצים און כאַפּט אויף מעשהלעך, געשעענישן פאַר קינדער און פון קינדער, פריידן און אַנטוישונגען, געלעכטער און געוויין.

די דערציילונגען אינעם דאָזיקן בוך שפּיגלען אָפּ טראָפּנווייז יידיש לעבן אין פאַרשיידענע ווינקלען פון דער וועלט; לעבן פון היינט און פון נעכטן; מעשהלעך פאַרזייטע מיט קינדערשן חן; יידישע העלדן — סיי קינדער און סיי דערוואַקסענע, וואָס קענען זיך אויפהויבן אין זייערע מענטשלעכע טאַטן צו דעם פּלי פון אַן אָדלער איבער די בערג; יידישע ימים־טובים אין זייער פאָלקסטימלעכער שיינקייט, קידוש־השם, ליבשאַפט פון מענטש צו מענטש, פון חיה צום מענטש און פאַרקערט.

איך האָב אין די אָפּגעקליבענע דערציילונגען זיך באַמיט צו געבן בילדער, לעגענדעס, שטייגער פון פרעמדע לענדער, וואו עס זיצן יידן פאַרוואָרצלטע פון דורי־דורות און דאָס מעשהלע ווערט געשפּינען פון אומזעבאַרע פינגער, גייט איבער פון דער באָבען צום אייניקל. למשל די דערציילונגען פון צפון־אַפריקע, פון די דאָרטיקע יידן.

געוויינלעך האָט איר, ליבע קינדער, גערן צו לייענען מעשהלעך וועגן אויסטערלישע העלדן; וועגן חיות און עופות מיט זייערע פאַנטאַסטישע וועלטלעך; וועגן ראַקעט־שיפן, וואָס קרייזן אַרום דעם וועלטרוים אין געציילטע מינוטן; אָדער ווי דער מענטש און די חיה פליען צו דער לבנה, צום מאַרס. עס זיינען שיינע אָנרעגנדיקע געשיכטעס, זייער אינטערעסאַנטע. עס זיינען אָבער פאַראַן געשעענישן אויפטרייסלענדיקע, וואָס

שפּילן זיך אָפּ אין אונדזער יידישער טאָג־טעגלעכקייט, אין אונדזער פאָלק, אין אונדזער געשיכטע, יידישע גרויסקייט און מסירת־נפש, סיי אין דער טראַגיק און גרויל, סיי אין געלעכטער און פרייד, געשעענישן וואָס טראָגן אין זיך וואונדערלעכע ווערטן דערציילט צו ווערן פאַר אייך ליבע קינדער.

דאָס דאָזיקע בוך, „דער רייטוואָגן", ווערט אַרויסגעגעבן דורך דעם „אַלטער ראָזענטאַל־פאָנד פאַר יידישע קינדער־ליטעראַטור" ביי דער „געז. קולטור און הילף א. נ. אַרטור זיגעלבוים" אין בוענאָס איירעס. עס איז אַ בוך פאַר יידישע קינדער און פאַר יוגנטלעכע. דער משפּחה ראָזענטאַל קומט דעריבער אַ גרויסן דאַנק פאַר דעם וואונדערלעכן אויפטו, וואָס טראָגט אין זיך שיינקייט און ליבע צום קינד.

[illegible]

I

מסירת־נפש און פריינטשאפט

דער מאַרמאָרנער טאָוול.

זיידע רפאל קומט אָן.

אַ געהיימנישפולער שיפס־קאַפּיטאַן.

מוניע און זשאַן.

דער נייער נאָמען.

דער העלד פון לײדיקן עקספּרעס־צוג.

אַ וואַרעמער גלעט.

דער מאַרמאָרנער טאָוול

דער שמש עוֹבדיה (אויוואַדיע) איז געשטאַנען ביים עמוד פון דער אַלטער שול אין שטעטל מאָנטעלימאַר, אויסגעגלייכט אַ טרי־פענדיק יאָרצייט־ליכט און אונטערגעברומט די ווערטער פון מינחה. פון די ווינקלען האָט געיאָגט אַ גרויע פינצטערניש. אויף די ווענט האָבן די שאָטנס געטאַנצט לויט די באַוועגונגען פון מאַן ביים עמוד און לויט דעם פלאַם פון טריפענדיקן ליכט. די בענק, צעשטעלטע אין רייען, זיינען געווען פול מיט שטויב. אויף אַ טיש איז געלעגן אַן אָפענער סידור און אַ טלית. איבער די געזימסן פון די הויכע פענצ־טער זיינען געווען איינגעמויערט טיפע נישעס. אין איינער פון זיי האָט אַ פויגל זיך געמאַכט אַ נעסט.

פלוצעם האָט זיך די האַלב־רונדע טיר אויפגעפראַלט. אַ יונג, שיין מיידל איז אַריינגעלאָפן און מיט שטילע טריט צוגעגאַנגען צום עמוד, גערופן:

— זיידע! איך האָב געוואוסט איך וועל דיך דאָ טרעפן!

דער אַלטער עוֹבדיה איז מיט שטילע טריט אַוועק פון עמוד, אויסגעשפרייט ביידע הענט און געזאָגט:

— דו ביסט עס אַניטאַ?

— ווער דען וועט דיך זוכן, זיידע? — האָט דאָס מיידל געלאַכט. — דאָס עסן שטייט אויפן טיש, די זופּ ווערט קאַלט, בין איך געגאַנ־גען דיך זוכן.

דער אַלטער האָט זיך צעשמייכלט און געטאָן אַ ברייטן שמעק־טאַבאַק, אָנגענומען דאָס מיידל ביי דער האַנט און זי צוגעפירט צו אַ וואַנט אין דער שול.

פון דער וואַנט האָט אַראָפּגעבלאַנקט אַ ווייסער מאַרמאָרנער טאָוול מיט דרייסיק אויסגעקריצטע נעמען פון יידן פון דעם שטעטל מאָנטעלימאַר, אין דער פּראָוואַנס-געגנט, וואָס זיינען געפאַלן פאַר פראַנקרייך אינעם ערשטן וועלט-קריג.

— עס איז היינט יאָרצייט נאָך דיין פאָטער, מיין קינד, —האָט עובדיה געזאָגט. שוין באַלד צוויי צענדליק יאָרן זיינען פאַרלאָפן זינט ער איז געפאַלן פאַר פראַנקרייך. דעריבער האָבן מיך מיינע אַלטע פיס געבראַכט דאָ אַהער, אָנצוצינדן אַ יאָרצייט-ליכט צו זיין אָנדענק. אָט לייען זיין נאָמען: מרדכי דע ליווראָן.

די קליינע אַניטאַ איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך. אירע גרויסע שוואַרצע אויגן האָבן איצטער געקוקט אויף דעם מאַרמאָרנעם טאָוול. זי האָט שטיל אַ זאָג געטאָן:

— דערציילט, זיידע!

— דיין פאָטער, מרדכי, איז געווען מיין איינציקער זון. איך בין אינאיינעם מיט אים געווען אין דער מילחמה, אינאיינעם מיט די דרייסיק יידן. מיך האָט דער טויט אויסגעמיטן. אפשר איז דאָס געווען דער ווילן פון גאָט, כדי איך זאָל אָפּהיטן זייער אָנדענק אין דער שול.

— זיידע! —האָט אַניטאַ געזאָגט, צוטוליענדיק זיך צום אַלטן, ביסט אַלט און שוואַך. איך דאַרף אויף דיר אַכטונג געבן. דו האָסט ניט קיינעם. דו היטסט ניט דיין געזונט...

— ווען דעם האָב איך געוואָלט מיט דיר רעדן מיין קינד. טאַקע וויל איך בין אַלט און שוואַך, וויל איך דיר דערציילן וועגן דער אַלטער שול.

דאָס מיידל האָט אויפגעפראַלט אירע שיינע אויגן. דער אַלטער האָט אויף איר געקוקט מיט אַנטציקונג און ווייטער גערעדט:

— אַמאָל, אַמאָל האָבן דאָ אין דער שטאָט, און אינעם גאַנצן פּראָנצוויזישן „פּראָוואַנס", געבליט גרויסע יידישע קהילות. זייער

נאָמען האָט זיך געטראָגן איבער ווייטע לענדער. גאַנצע יאָרהונדער־טער האָבן דאָ יידן געלעבט. געאַרבעט שווער און ביטער, דאָך גע־וואַקסן און אויפגעשטעלט גאַנצע דורות. אַרויסגעגעבן גרויסע, שטאָל־צע, ערלעכע יידן, געלערנטע, וויסנשאַפטלער, דאָקטוירים, באַנקירן, וואָס זייער נאָמען האָט זיך צעטראָגן ווייט און ברייט.

אַניטאַ האָט זיך אויפגעשטעלט און אַ שמייכלענדיקע געזאָגט:

— האָסט מיך שוין פיל מאָל וועגן דעם דערציילט. איצטער פאַרשליס די טירן פון דער שול און קום מיט מיר אַהיים. דו וועסט עסן און זיך אויסרוען.

דער אַלטער האָט קוים געהערט אירע רייד און ווייטער גערעדט:

— שווערע צייטן קומען אָן פאַר יידן. ביי אונדז אין שטאָט זיינען שוין באַלד קיין יידן נישטאָ און ווער ווייסט, ווי לאַנג נאָך גאָט וועט באַוויליקן איך זאָל זיין דער היטער פון דער אַלטער שול.

דאָס מיידל האָט אויפגעציטערט.

— אויב מיינע אויגן וועלן זיך פאַרמאַכן —האָט עובדיה ווײַ־טער געשעפּטשעט— וויל איך, אַז דו זאָלסט אָפּהיטן גאָטס הויז. די נעמען, וואָס זיינען דאָ אויסגעקריצט אויף דעם מאַרמאָרנעם טאָוול, זאָלסטו אָפּהיטן ווי לאַנג דו וועסט קאָנען. זאָג עס מיר צו.

אַניטאַ האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און געשוויגן.

***

מיט יאָרן שפּעטער, ווען עס איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה, זיינען פון דעם שטעטל מאַנטעלימאַר אַוועק די צוויי, דריי יידן, וואָס האָבן דאָרט געוואוינט. אַניטאַ איז געבליבן. זי האָט זיך אַריינגעקליבן אין אַ צימער צו אירע פראַנצויזישע פריינד און אויס־באַהאַלטן זיך פון די בייזע דייטשן.

די פראַנצויזישע פאַמיליע האָט געציטערט, אַז די דייטשן זאָלן זיך ניט דערוויסן, אַז ביי זיי האַלט זיך אויף אַ יידיש מיידל. אַלע אין שטעטל האָבן מורא געהאַט אַז דער סוד זאָל ניט אַנטפּלעקט ווערן. זיי האָבן דעריבער געקוקט אויף אַניטאַן מיט שרעק און מורא, גע־וואָלט זי זאָל אַוועק פון דאַנען זיי זאָלן זיין זיכערער.

דעם פאַרנאַכט איז אַניטאַ איינגעפאַלן אַ ווילדער געדאַנק. זי האָט אַזש אויפגעציטערט. זי האָט באַשלאָסן אַריבערצוגיין אין איר זיידנס צימער לעבן דער שול.

***

די שטאָט איז געלעגן אַ פינצטערע. די גאַסן-שטילקייט איז פון צייט צו צייט איבערגעריסן געוואָרן פון אַ טעמפן אָפּהילך פון שווערע זעלנערישע טריט.

אַניטאַ איז געזעסן אין אַ צימערל פון איר זיידנס וואוינונג, וואָס האָט זיך געפונען לעבן דער אַלטער שול. עס זיינען שוין פאַרלאָפן עטלעכע וואָכן, זינט זי האָט זיך דאָ אַריבערגעקליבן. זי האָט מורא געהאַט אַרויסצושטעקן דעם קאָפּ אין דרויסן. אַ פראַנצויזישע שכנה האָט באַהאַלטענערהייט איר אַרויפגעבראַכט עסן, געבליבן עטלעכע מינוט מיט איר, גערעדט עטלעכע ווערטער און מיט גרויס שרעק, אַז די דייטשן זאָלן זיך ניט דערוויסן, איז זי אַנטלאָפן אַהיים.

אַניטאַ איז געווען זיכער, אַז די דייטשן וועלן זי דאָ ניט זוכן. זיי וועלן ניט גלויבן, אַז אַ ייד וועט וואוינען אַזוי נאָענט פון אַ שול. די גוטע פראַנצויזישע פרוי פלעגט זי אַלע מאָל טרייסטן, אַז די מיל-חמה וועט זיך ענדיקן און אַניטאַ וועט צוריק ווערן פריי.

איינמאָל, ביינאַכט, האָט זיך פלוצעם געהערט אַ האַסטיק קלאַפּן אין דער טיר. זי האָט אויפגעציטערט. זי האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם. דאָס קלאַפּן איז געוואָרן שטאַרקער, ביז די טיר האָט זיך מיט אַ געבראַזג אויפגעריסן. עס זיינען אַריינגעקומען צוויי דייטשישע אָפיצירן, מיט איפגערעגטע פנימער.

— מיר ווילן זען די סינאַגאָגע! —האָט איינער פון די דייטשן באַפוילן.— עס באַהאַלטן זיך דאָ פיל יידן!

— דאָ זיינען ניט פאַראַן קיין יידן —האָט אַניטאַ געענטפערט, און אַ מאָדנע רואיקייט האָט זי באַהערשט.— איך בין דאָ די איינציקע יידישע פרוי, איך היט אָפּ דאָס איבערבלייבעכץ פון דער גאַנצער יידישער געמיינדע.

— דאָס וועלן מיר זען! —האָט דער צווייטער דייטש אַ געשריי

געטאָן און ביי די רייד אַניטאַן אַ שלעפּ געטאָן פון אָרט: ווייז די סינאַגאָגע!

זיי זיינען אַלע דריי אַרויס פון צימער און געלאָזט זיך צו דער אַלטער שול. זיי זיינען אַריין אינעווייניק. באַלויכטן די שול מיט אַן עלעקטריש לעמפּל. נאָכדעם האָט איינער אָנגעצונדן אַ ליכט, וואָס האָט געשטעקט אין אַ לייכטער אויפן עמוד.

— וואו ליגן די דאָקומענטן פון דער יידישער געמיינדע אין שטאָט? — האָט איין דייטש געפרעגט. — מיר מיזן וויסן וויפיל יידן עס זיינען דאָ פאַראַן!

— מיר האָבן ניט קיין שום דאָקומענטן. דאָס איז אַ געבעט-הויז, וואָס איך היט אָפּ נאָכן טויט פון מיין זיידן.

זיי האָבן גענומען וואַרפן די ספרים פון טיש. פלוצעם איז זייער בליק געפאַלן אויף דער וואַנט מיט די יידישע נעמען אויף דעם ווייסן מאַרמאָר-טאָוול.

— וואָס איז דאָס?

— דאָס זיינען די נעמען פון יידן פון דער שטאָט מאָנטעלימאַר, וואָס האָבן געקעמפט אין דעם ערשטן וועלט-קריג פאַר פראַנקרייך. זייערע נעמען זיינען דאָ אויסגעקריצט צום הייליקן אָנדענק!

איינער פון די דייטשן האָט זיך דערנענטערט צו דער וואַנט און מיט אַ האַנט-באַוועג געוואָלט אַראָפּרייסן דעם מאַרמאָרנעם טאָוול. אין דער זעלבער רגע איז אַניטאַ צוגעשפּרונגען, אירע שוואַרצע אויגן האָבן זיך איצט אָנגעצונדן מיט פייער. מיט אירעביידע הענט האָט זי זיך בליץ-שנעל איינגעקלאַמערט אין די אָרעמס פונעם דייטש, ניט געלאָזן אים צורירן זיך צום טאָוול.

דער דייטש האָט זי האַסטיק אָפּגעשטופּט, אַראָפּגעריסן דעם טאָוול פון וואַנט, אַ וואָרף געטאָן אויפן דיל און צעבראָכן אויף שטיק-שטיקלעך.

אַניטאַ האָט אָנגעשטרענגט אַלע אירע כּוחות. זי האָט זיך אויפ-געשטעלט, ווי אַ טיגער צוגעשפּרונגען צום דייטש און אים אַריינגע-שפּיגן אין פּנים אַריין.

דער צווייטער דייטש האָט אַרויסגעכאַפּט דעם רעוואָלווער, און

מיטן הענטל געגעבן אַניטאַן אַ טעמפּן זעץ איבערן קאָפּ. זי איז גע-פאַלן איבער די צעבראָכענע שטיקלעך מאַרמאָר.

**
*

אויף צומאָרגנס האָט די גוטע פראַנצויזישע פרוי געפונען אַניטאַן אין אַ באַוואוסטלאָזן צושטאַנד. אין דער האַנט האָט אַניטאַ געקלאַמערט אַ שטיקל מאַרמאָר. די פראַנצויזישע פרוי האָט עס אַרויסגענומען פון צווישן אירע פינגער און געלייענט דעם נאָמען פון אַניטאַס פאָטער: מרדכי דע ליווראָן, — דער לעצטער צווייג פון אַ שטאָלצער מישפחה אין דער שטאָט מאָנטעלימאַר. דער לעצטער צווייג פון דעם יחוס-בוים פון די אַמאָליקע פאַרוואָרצלטע יידישע קהילות אינעם פראַנצויזישן „פּראָוואַנס”...



זיידע רפאל קומט אָן

אין אַ ווייטן, פאַרוואָרפענעם פראַנצויזישן דאָרף, ערגעץ אין דער געגנט פון בורגאָן, וואו עס וואַקסט און בליט דער וואונדערלעכער רויטער און גאָלדיקער וויין, האָבן געלעבט צוויי יידישע מיידעלעך, די שוועסטערלעך דבורהלע און גיטעלע. זיי האָבן געוואוינט אין אַ קעלער פון אַ גרויסן שטיינערדיקן הויז. דאָס הויז האָט געהערט צו אַ פראַנצויזישער פויערים-מישפּחה מיטן נאָמען רעניאַר.

די שוועסטערלעך זיינען ניט געבוירן געוואָרן אין דעם דאָרף. זיי וואָלטן אפשר קיינמאָל ניט געקומען אין דער דאָזיקער פרעמדער געגנט, ווען ניט די בייזע מילחמה.

לענדער און פעלקער זיינען געלעגן אונטער דער דייטשישער מאַכט. כמעט גאַנץ פראַנקרייך איז שוין געווען אָקופּירט פון די דייטשן. האָבן אין איינער אַ נאַכט עטלעכע נאַצים זיך אַריינגעריסן אין דער וואוינונג פון אַ יידישער פאַמיליע אין דער שטאָט פּאַריז. צוגענומען טאַטע-מאַמע און זיי ערגעץ פאַרשיקט. די צוויי טעכטערלעך דבורהלען און גיטעלען האָבן די מערדער דערווייל נאָך ניט געטשעפּעט. עס איז געווען ביי זיי אַזאַ סיסטעם: פריער אַוועקרייסן די עלטערן פון די קינדער, און ערשט נאָכדעם פאַרשלעפּן ערגעץ וואו די קינדער.

געבליבן אַליין, אָן טאַטע-מאַמע, האָט דבורהלע, אַ בלוי-אויגיק, צאַרט מיידעלע אין עלטער פון צוועלף יאָר, גענומען אונטער איר שוץ דאָס יינגערע שוועסטערל גיטעלע. דבורהלע איז איר געוואָרן אַ

מאַמע, האָט זי באַשיצט און באַשירעמט. אָבער זי איז דאָך נאָך אַליין געווען אַ קינד. צום גליק האָט אין פראַנקרייך עקזיסטירט אַן אונטער־ערדישע אָרגאַניזאַציע, געשאַפן פון די פּאַרטיזאַנען, די קעמפער, וואָס האָבן איינגעשטעלט זייער לעבן אין קאַמף מיט די נאַציס. די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע האָט געהאָלפן יידישע קינדער, זיי אויסבאַהאַלטן אין ווייטע דערפער, אין קלויסטערס, אין די בערג אין קליינע שטיבעלעך פון גוטע מענטשן צווישן די נאַקעטע, ווילדע פעלדער אין די אַלפּן-בערג. אומעטום וואו נאָר דאָס דייטשישע אויג האָט ניט אַזוי שנעל געקענט דערגרייכן. אַזוי אַרום זיינען די צוויי שוועסטערלעך, דורך גרויסע געפאַרן און לאַנגע נסיעות אָנגעקומען אין אַ דאָרף. זיי זיינען אַריינגענומען געוואָרן צו דער גוטער פּויערים-פאַמיליע רענואַר, וואָס האָט אויך געהאַט צוויי טעכטערלעך כמעט אינעם זעלבן עלטער. זיי האָבן געהייסן: זשאַנעט און לואיז.

די פּויערים-מישפּחה האָט די צוויי יידישע קינדער אָפּגעגעבן דעם קעלער פון הויז, כדי די נאַציס זאָלן ניט דערשמעקן אַז דאָ האָט זיך ווער אויסבאַהאַלטן. זיי האָבן מיט די קינדער געטיילט דעם ביסן פון מויל, צוגעגרייט פאַר זיי אַ וואַרעם, ווייך געלעגער און די צוויי פראַנצויזישע שוועסטערלעך האָבן זיך געחברט מיט דבורהלען און גיטעלען, מיט זיי געשפּילט זיך, געזונגען לידעלעך. אָבער אין מיטן טאָג, האָבן די יידישע קינדער קיינמאָל ניט געטאָרט אַרויסגיין פון קעלער, כדי ניט אַריינצופאַלן אין די לאַפּעס פון די דייטשן. זיינען זיי דאָרט געזעסן און דורך די פאַרשטעלטע פענצטער און באַהאַלטע־נע שפּאַרונעס, אַרויסגעבליקט אומעטיקע, פאַרבענקטע מיט פאַר־חלומטע אייגעלעך פון אויסגעוואָרצלטע יידישע קינדער. געקוקט און געזען שטיקער בלויען הימל, גאָלדענע זון-שטראַלן, וואָס האָבן זיך געשפּילט איבער די שייבעלעך פון די פאַרשטעלטע פענצטער און גע־שיקט קושן און גרוסן פון אַ שיינער, ליכטיקער וועלט.

דבורהלע און גיטעלע האָבן ניט געטאָרט גיין אין דער אָרטיקער שולע, ניט געטאָרט זיך שפּילן אין דרויסן מיט די איבעריקע פראַנ־צויזישע קינדער. זיי האָבן נאָר געזען די דאָרפס-קינדער, ווי כוזאַן, גאַבריעל, זשאַנעט און לואיז, לויפן יעדן פרי פריילעכע, מיט געזאַנג און פלאַפּל אין דער דאָרפס-שולע אַריין. און נאָכמיטאָג לויפן זיי

אַהיים פריילעכע, צופרידענע, האָבן זיך די קינדערשע הערצלעך ביי דבורהלען און גיטעלען צונויפגעדריקט אין ווייטיק און בענקשאַפט, די אייגעלעך האָבן געקוקט און שטום געפרעגט, פאַרוואָס?

בלויז אין די אָוונטן, און אויך נאָר אין זומער, האָבן די יידישע קינדער געמעגט אַרויסגיין. און ווי נאָר זיי זיינען אַרויסגעקומען אין דרויסן אויף דער גוטער לופט, זיינען זיי אָנגעפילט געוואָרן מיט פרייד, געקוקט אינעם בלויען באַשטערנטן הימל, געזען גאָטס וואונדער איבער דעם שטילן, רואיקן דאָרף, דערמאָנט זיך טאַטע און מאַמע און שווייגנדיקע אַרומגעשפּאַצירט אַ ווײַלע אינאיינעם מיט זשאַנעט און לואיז. געהערט דעם געקלאַנג פון קליינעם קלויסטערל, ווען דער גלאָק האָט זיך געוויגט אין דער הייך אין ווייסן טורעמל און גערופן צו דער אָוונט־תפילה, געהערט דאָס קוואַקען פון די זשאַבעס, דאָס גרילצן פון דער גריל, דאָס בילן פון די דאָרפס־הינט. און אַלץ איז געווען אַזוי שיין, אַזוי אומעטיק שיין.

ווינטער איז געווען שלעכט. אַלץ איז געווען פאַרפרוירן, פאַרשטאַרט. אין די אָוונטן האָבן די שוועסטערלעך ניט געקענט לאַנג זיין אינדרויסן אויף דער קעלט, זיינען זיי געזעסן אין קעלער, איינגעוויקלט אין די צעריסענע מלבושימלעך, געטוליעט זיך איינס צום אַנדערן, זיך דערציילט מעשיות, און פרי געגאַנגען שלאָפן.

איינמאָל אין אַזאַ אָוונט זיינען די צוויי פראַנצויזישע שוועסטערלעך אַראָפּגעקומען אין קעלער צו זייערע חברטעס, האָבן פאַר זיי געבראַכט אָוונט־ברויט: אַ הייסן טעלער זופּ, מיט אַ קליין שטיקל ברויט. האָט זיך זשאַנעט אָנגערופן מיט אַ סודותדיק מינעלע:

— זשיטעל, דוואָראַ (אַזוי זאָגט מען אויף פראַנצויזיש אַ גימל) די טעג דאַרף קומען דער גראַן־פּער (זיידע) רפאל. ער וועט דערציילן שיינע מעשיות, מען וועט זינגען צוזאַמען און מען וועט זיך אַמוזירן.

די יידישע שוועסטערלעך זיינען אויפגעשפּרונגען און מיט פריידיקע אייגעלעך און שאַלנדיקע שטימעלעך אויסגעשריען:

— דער גראַן־פּער וועט קומען, ווען?

— די מאַמע האָט געזאָגט, אַז אַ ליאַדע טאָג אין באַגינען וועט ער קומען — האָט זשאַנעט אַ מונטערע, אַ צעפלאַמטע גערעדט — די מאַמע האָט אים זייער ליב. זי זאָגט, אַז ער איז אייער „אַנזש־

גאַרדיען" (דער מלאך, וואָס היט אייך) עס זאָל אייך ניט געשען קיין בייז.

דבורהלע מיט אירע פאַרחלומטע אייגעלעך האָט געקוקט אויף די מיידעלעך, אַנגענומען אַן ערנסטע מינע און געזאָגט מיט סודות־דיקער וויכטיקייט:

— דער אַלטער רפאל איז אַ הייליקער, ער גייט אַרום צו אַלע עלנטע קינדער און דערציילט זיי וואונדערלעכע מעשיות. ער ווייסט וואו אַלע טאַטעס און מאַמעס זיינען, ער בענטשט אַלעמען, ער בענטשט אייער הויז.

— יאָ, די מאַמע זאָגט אויך דאָס זעלבע — האָט זשאַנעט אָנ־גענומען אַ וויכטיקן טאָן — ער איז אַ הייליקער, ער וויל ביי אונדז ניט עסן, אפילו ניט טרינקען אַ גלעזל ווייַן, וואָס דער טאַטע איז אים מכבד. דער טאַטע זאָגט אויף אים, אַז עס זיינען ניטאָ פיל אַזעלכע מענטשן אויף דער וועלט. ער עסט ניט, טרינקט ניט, בלויז אַ שטיקל ברויט איז גענוג פאַר אים.

— ווען וועט ער קומען? האָט גיטעלע פאַמעלעך געזופט דאָס געקעכטס און פאַרחלומט געשפּונען עפּעס אַ טראַכטעניש אינעם קינ־דערשן מוחל. — ווען וועט ער קומען?

אין אַ ווינטער פאַרטאָג, איז אַ ייד מיטן נאָמען רפאל, אויסגע־דאַרט און אויסגעקוואַרט, אַנגעקומען אינעם פראַנצויזישן דאָרף. אויף זיין אויסגעמאָגערט לייב האָט געהאָנגען אַ צעריסענע, אָפּגעשליסענע שמאַטע, וואָס האָט אַמאָל געדינט פאַר אַ בגד. זיין צעקנייטשט פּנים פון יסורים און מידקייט האָט נישטערנדיק און זוכנדיק זיך גע־שטרעקט פאָראויס, ווי מורא האָבנדיק אויף אַ רגע צו פאַרלירן דעם אָנזאָג פון אַ וואונדערלעכער בשורה.

דאָס דאָרף איז געלעגן פאַרגליווערט פון דער ווינטער פרימאָרגן־קעלט און פאַר דער אימהדיקער שרעק פאַרן נאַצי־אָקופּאַנט — אַט אַזוי זיך געטוליעט הויז צו הויז, פּלויט צו פּלויט, שטיין צו שטיין. און אַ הונט, וואָס האָט ניט געקענט פאַרטראָגן די קעלט, האָט גע־וואָיעט מיט עלנטיקן אָנזאָגן. דער פאַרראָסטעטער זייגער פון דעם קלויסטערל, האָט דרעמלענדיק אויסגעקלינגען די שעהען און אָנגע־זאָגט די פאַרטייעטע איינוואוינער די צייט.

אינמיטן דאָרף איז געשטאַנען אַ קליינער, אָפּגעבליאַקעוועטער, שטיינערנער מאָנומענט וואָס מען האָט געשטעלט צום אָנדענק פון די געפאַלענע דאָרפס-קינדער פון דעם ערשטן וועלט-קריג.

דער אַלטער רפאל האָט זיך געשאַרט אין דער קעלט, ווי אַ געפּלאָגטע חיה, וואָס זוכט ערגעצוואו אַנטרינען צו ווערן. ער האָט זיך געשלייכט ביי די ווענט, כּדי זיין מאָגער געשטאַלט זאָל נאָך איינגעשרומפן ווערן. ער האָט זיך געדרייט אין די זיגזאַגישע שטעגלעך צווישן די הייזער מיט אַ געניטער קענטעניש, ווי איינער, וואָס איז דאָ ניט צום ערשטן מאָל.

ער האָט זיך האַסטיק אָפּגעשטעלט ביי אַ גרויס הויז, פאָרזיכטיק זיך אַרומגעקוקט פון אַלע זייטן און איז אַריין אין הויף. דאָרט האָט ער אויף אַ רגע אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, אויסגעגלייכט דעם צעבראָכענעם קערפּער און אַ טיפער זיפץ האָט זיך אַריינגעקייקלט אין דער לויטערער פרימאָרגן-לופט:

— רבונו-של-עולם, גיב מיר כּוח דאָס איבערצוטראָגן!

ער איז צו צו אַ זייטיקער טיר, מיט פאַרפרוירענע פינגער אָנגעקלאַפּט, זיינע ליפּן האָבן דערביי געשעפּטשעט אַ געבעט פון אַ צעבראַכענעם, וואָס זוכט הילף אין טרייסט.

די זייטיקע טיר האָט זיך פאָרזיכטיק געעפנט. אַ וואַרעמע לופט האָט זיך אַרויסגעריסן פון אינעווייניק מיט אַ שטובּיקע פאַרע. אַ פאַרהילטער קאָפּ פון אַן עלטערער פרוי האָט זיך אַרויסגעבויגן. די אויגן, וואָס האָבן אַרויסגעלויכטן פון דער פאַרהילטקייט, האָבן אַדורכגעבליקט דעם פרעמדן. באַלד האָט זי ברייטער געעפנט די טיר און אַריינגענומען דעם האַלב-פאַרפרוירענעם מאַן, וואָס האָט אויסגעזען אין אירע אויגן, ווי אַן אָרעמער דאָרפס-גייער, פון די וואָס קלאַפּן אין טירן און זוכן עפּעס צו קויפן אָדער פאַרקויפן.

אינעווייניק האָט אים די גוטע פרוי האַרציק באַגריסט:

— גאָט איז מיט אייך, מיין אָרעמער אַלטער. איר וועט אויסטרינקען אַ גלאָז הייסע טיי און זיך דערוואַרעמען.

— אַ דאַנק. וואָס מאַכן די קינדערלעך? שוין לאַנג זיי ניט געזען — האָט רפאל געפרעגט — אירווייסט גאָרניט, וואָס פאַר אַ גרויסע, הייליקע זאַך איר טוט.

— זאָל איך גאָט היטן, האָט די אַלטע פרוי פרום געשעפּטשעט, די קינדערלעך זיינען געזונט. זיי וואַקסן, ווי די יונגע ביימעלעך, זיי בענקען נאָך אייך. אָט וועט איר זיי באַלד זען.

— יאָ, איך איל זיך. מוז נאָך אין אַ סך הייזער און דערפער אַרומלויפן צו יידישע קינדער, זיי טרייסטן, אָפּגעבן גרוסן פון די על־טערן, וואָס איין גאָט אין הימל ווייסט וואו זיי זיינען, האָט דער אַלטער געזיפצט.

אַ געבוירענער איז ער אַראָפּגעגאַנגען אין קעלער.

אויף אַ וואַרעמען געלעגער האָבן זיך געטוליעט דבורהלע און גיטעלע איינס צום אַנדערן, שלאָפנדיק אַ זיסן אומשולדיקן שלאָף. אינעם קעלער־צימערל איז געווען פינצטערלעך, גרוי און טרויעריק. דער געזונטער אָטעם פון די קינדער האָט היימלעך געשפּילט אין דער ציטערנדיקער, וואַרעמער קעלער־לופט.

אַ מינוט איז דער אַלטער ייד געשטאַנען און מיט זיינע פאַרלאָ־פענע אויגן באַטראַכט דאָס וואונדערלעכע בילד פון די צוויי צאַרטע קינדער, קיילעכדיקע יתומים, וואָס האָבן מער ניט קיינעם אויף דער גאַנצער וועלט, און לעבן מיט דעם גענאָד פון פרעמדע, גוטע מענטשן, וואָס שטעלן איין דאָס לעבן, אַבי צו באַשיצן אָט די אומשולדיקע באַ־שעפענישן. אַ שטראָם טרערן האָט אַרויסגעפלייצט פון זיינע אויגן, ער האָט זיין בליק ניט געקענט אָפּרייסן פון דעם רירנדיקן בילד. באַלד האָט ער זיך געשטאַרקט און מיט אַ לייכטן באַריר גענומען וועקן דאָס עלטערע מיידל:

— דבורהלע, האָט ער געשעפּטשעט, דבורהלע, שטיי אויף.

דאָס מיידל האָט זיך האַסטיק אויפגעכאַפּט, מיט קינדערשער ליבשאַפט אָנגעקוקט דעם אַלטן רפאל, אַרויפגעפאַלן אויף זיין דאַרער ברוסט און מיט פרייד געשלוכצט:

— אָ, זיידע, עס איז גוט, וואָס דו ביסט געקומען. וועסט דאָ לאַנג בלייבן?

— ניט לאַנג, מיין קינד. וועק אויף גיטעלען, וועל איך מיט אייך זאָגן „מודה אני״. איך קען דאָ לאַנג ניט בלייבן.

דבורהלע האָט אויפגעוועקט דאָס יינגערע שוועסטערל. דאָס קינד האָט זיך געפרייט, געפלאַפּלט און געטאַנצט איבערן בעטל.

דער ייד האָט אַרויסגענומען פון בוזעם אַ סידור, אויפגעמישט

עטלעכע בלעטלעך, און איבער דעם טונקעלן קעלער-צימער האָט זיך צעטראָגן אַ וואַרעם געמיש פון קלינגענדיקע קולעכלעך: „מודה אני לפניך".

ווען די קינדער האָבן אָפּגעזאָגט די פרימאָרגן-תּפֿילה, האָט דער זקן אַרויסגעשלעפּט פון אַ טיפֿער טאַש אַ צעקנייטשטן אַלף-בית, די אותיות אָפּגעריבענע און פאַרגעלטע, און האָט גענומען מיט די קינדערלעך לייענען יידיש און שרייבן יידישע אותיות.

דבורהלע און גיטעלע האָבן פלייסיק געלערנט די אותיות, מיט זינגענדיקע קולעכלעך געזאָגט די יידישע ווערטער, וואָס זיינען זיך צעפלאָסן איבער דעם קליינעם שטיבעלע. עס האָט אויסגעזען ווי אליהו-הנביא וואָלט פון ערגעץ וואו געקומען מיט זיין שטראַלנדיקער גוטסקייט, אַנגעקלאַפּט אין אַ פרעמדער טיר און געבראַכט טרייסט און אַזאַ ציטערנדיקע בלויע האָפענונג.

דער טאָג איז אַרויס איבערן דאָרף אַ קלאָרער מיט אַ גאָלדענער זון, וואָס האָט היינט ניט געוואַרעמט, נאָר געבראַכט ליכט און פרייד. זשאַנעט און לואיז האָבן אַראָפּגעבראַכט אין קעלער טעפּעלעך קאַווע מיט פעניצלעך ברויט. די קינדער האָבן צווישן זיך גערעדט, געלאַכט, אויסגעהערט אַ פּאָר מעשהלעך פון אַלטן רפאל. די צוויי פראַנצויזישע שוועסטערלעך האָבן זיך געאיילט צו גיין אין דער שול אַריין.

אין דעם אַלטן יידנס קערפּער האָט זיך אַ וואונדערלעכע וואַרעמקייט צעשפּילט, האָט ער די קינדער דערציילט, ווי ער גייט אַרום איבער די דערפער, צווישן פיל באַהאַלטענע יידישע קינדער, לערנט מיט זיי דאַווענען און יידיש ריידן. ווייל יידן מוזן קענען זייער שפּראַך, יידן מוזן געדענקען, אַז זיי זיינען יידן. ער האָט זיי אויך געזאָגט, אַז ניט לאַנג וועט עס דויערן, און אַלץ וועט ווידער גוט ווערן. די קינדער וועלן צוריקפאָרן צו טאַטע און מאַמע, שלאָפן אין די אייגענע בעטעלעך און עסן גוטע זאַכן. און זאָלן זיי ניט פאַרגעסן, וואָס זיי האָבן דאָ געלערנט, ווייל זיי וועלן דאָס מוזן איבערזאָגן פאַר טאַטע און מאַמע.

די קינדער האָבן אים אויסגעהערט און זיך געטוליעט צו זיין אָרעם לייב.

נאָכדעם ווי ער האָט זיך מיט זיי געזעגנט און צוגעזאָגט אין קורצן ווידער צו קומען, איז ער אַרויס אינדרויסן, וואו זיין הייליקע

שליחות האָט אים געפירט איבער פרעמדע וועגן, איבער פרעמדע הייזער, צו פאַרשפּרייטן דאָס יידישע וואָרט און דעם אַלטן יידישן בּיטחון...

די קינדער האָבן אים נאָכגעקוקט דורך די פאַרשטעלטע פענצ־טער־שויבן, געזען זיין געבויגענע געשטאַלט, האָט דבורהלע געשעפּ־טשעט מיט טרערנדיקע אויגן:

— גיי געזונטערהייט, זיידע, און קום צוריק מיט אונדזער טאַטע־מאַמע, אונדז אַהיים צו נעמען.

אין דעם פּראָנצויזישן דאָרף האָט אָפּגעהילכט מיט יידיש לעבן, **יידישן לשון און יידישן פּיין...**

אַ געהיימעניש־פולער שיפס־קאַפּיטאַן

געווען איז עס אין זומער פון יאָר ניינצן הונדערט איין און פערציק.

אַ קליינע לאַסטשיף האָט זיך אַ גאַנצע נאַכט געוויגט אין די מוטנע וואַסערן פון אַטלאַנטישן אָקעאַן, אויף דער פראַנצויזיש־שפּאַנישער גרענעץ.

אין אַ רעגנדיקן פאַרנאַכט איז די שיף פון ערגעץ אָנגעקומען. איר סילועט איז אַרויסגעשוואומען אויפן האָריזאָנט און ווייטער פאַרשוואונדן.

אין דער איינציקער קאַיוטע פון דער שיף האָט זיך אַרומגעדרייט דער קאַפּיטאַן זשאַן מאָראָ אַ פאַרזאָרגטער, אַ פאַרטראַכטער. ווי אַ געפאַנגענער לייב האָט ער געשפּאַנט אין דעם קליינעם חלל הין און צוריק. אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט זיך ביים טיש, אַריינגעקוקט אין אַ מאַפּע, געפּאָרשט און ווידער געשפּאַנט איבער דער קאַיוטע.

עס איז אַריינגעקומען אַן אָפיציר און געמאָלדן:

— מיר זיינען אויף דער דרום־זייט פון באַיאָן. עס איז דאָ אַ באַפעל פון דער נייער מאַכט אין ווישי, אַז קיין איין שיף טאָר ניט פאַרלאָזן דעם פּאָרט.

— מיר וועלן די סחורות ניט אויסלאָדן פאַר די דייטשן —האָט דער קאַפּיטאַן געברומט— אין ים וועל איך אַלץ וואַרפן אין די דייטשן גאָרניט געבן!

— וואָס זאָלן מיר טאָן מיט דער שיף? פאַראַנקערן, אָדער...

— טאַקע אין דעם האַנדלט עס זיך —האָט זיך דעם קאַפּיטאַנס

פנים אָנגעכמורעט— ביים פאָרט אין באַיאַן געפינען זיך היינט טויזנ־טער, טויזנטער היימלאָזע. ווי איך פאַרשטיי, שטייען זיי שוין דאָ טעג און נעכט, וואַרטן אויף אַ שיף אָדער אויף אַ נס. מען האָט מיר געלאָזט וויסן, אַז די מענטשן זיינען גרייט צו שפּרינגען אין ים אַריין. איך טראַכט, אפשר וואָלט איך אויף דער שיף אַרויפגענומען עטלעכע הונדערט נפשות און אַוועק מיט זיי.

דער אָפיציר האָט געמאַכט אַ טראָט פאָרויס.

— מיר האָבן קוים וואַסער און שפּייז פאַר דער מאַנשאַפט, האָט ער געזאָגט אין אַן אייליקן טאָן, מיר מוזן פאַרטאָגס פאַרלאָזן דעם פּאָרט. די דייטשן זיינען שוין אין די שטעט פון די פּירענייען. אין דער שטאָט באַיאַן פעלט אוים שפּייז.

דער קאַפּיטאַן מאַראַ האָט פאַרוויכערט אַ קליינע האָלענדישע פייקע, אַרויסגעלאָזט וואָלקנס רויך, זיין שטערן האָט זיך געקנייטשט און דאָס ענערגישע פּנים, איינגעראַמט אין אַ קורץ געשוירן שוואַרץ בערדל, האָט געצוקט פון נערוועזישע טרייסלונגען.

— איך האָב באַשלאָסן —האָט דער קאַפּיטאַן געזאָגט געלאַסן, אָבער פעסט— מיטצונעמען אויף מיין שיף עטלעכע הונדערט נפשות, ראַטעווען עטלעכע הונדערט מענטשן!

— עס איז אוממעגלעך, קאַפּיטאַן!

— פאַרוואָס איז עס אוממעגלעך? עס איז אונדזער פליכט!

— מען וועט דאַרפן צושווימען צום ברעג אַרויפצונעמען די מענטשן, מען וועט זיי דאַרפן שפּייזן, געבן וואַסער צו טרינקען. מיר האָבן עס ניט, קאַפּיטאַן מאַראַ! און די הויפּטזאַך, ווען מיר זאָלן צושווימען צים ברעג, וועט אונדז אַ דייטשישער פּאַטרול כאַפּן!

דער קאַפּיטאַן, אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט גרויע, שאַרפע אויגן אין זיין ענערגישן פּנים, האָט אויסגעהערט דעם אָפיציר און ווידער גענומען שפּאַנען הין און צוריק.

— איך ווייס דאָס אַלץ, האָט ער געזאָגט, איך האָב אָבער באַ־שלאָסן מיין שיף מיט די סחורות ניט איבערצוגעבן די דייטשן. מיר וועלן נעמען די ריכטונג פון פּאָרטוגאַל. איך ווייס נאָך ניט וואו אַהין, פאַרוואָס זאָלן מיר ניט ראַטעווען עטלעכע הונדערט לעבנס?

— אַן אונטערנעמונג וואָס קען זיך ענדיקן קאַטאַסטראָפאַל. די

װאַסערן זײנען פֿול מיט מינעס, דײַטשישע סובמאַרינען לויערן פֿון אַלע זײַטן, האָט דער אָפֿיציר געזאָגט.

— מיר האָבן שױן דורכגעפֿירט שװערערע אונטערנעמונגען. דאָס מאָל װעלן מיר װידער ריזיקירן. װער װײסט? אפֿשר דאָס לעצטע מאָל...

— איז דאָס אײַער ענדגילטיקער באַשלוס, קאַפּיטאַן? אויב יאָ, װעלן מיר מוזן האַנדלען בליץ־שנעל.

— עס איז מײַן ענדגילטיקער באַשלוס, האָט דער קאַפּיטאַן אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. פֿינף אַזײגער פֿאַרטאָג צושװימען צום ברעג, פֿאַרװאַרפֿן לײטערס און אַ בריק. די מענטשן, װאָס שטײען בײַם דרום־זײַט פֿון פּאָרט, האָבן זיכער געזען די שיף, זײ װעלן ניט אָפּ־טרעטן אַ גאַנצע נאַכט. עס איז זײער אײנציקע רעטונג. אָפֿיציר, זעט, אַז אַלץ זאָל זײַן פּאַרטיק!

— אַלץ װעט זײַן גרײט, קאַפּיטאַן מאַראָ!

**
*

אין דער נאַכט האָבן טױזנטער מענטשן באַלאַגערט לענגאױס דעם פּאָרט אין באַיאָן. אַ גאַנצן טאָג זײַנען זײ אַרומגעלאָפֿן איבער די קלײנע געסלעך פֿון דער פּאָרט־שטאָט, װי מײַז אין אַ פּאַסטקע, אַהין און צוריק. געלאָפֿן אין די פֿאַרשידענע קאָנסולאַטן, געלאָפֿן צום האַפֿן — אפֿשר װעט זיך געפֿינען אַ שיף, װאָס װאָלט זיך געװאָלט לאָזן אין ים זוכן עפּעס אַ לאַנד, װאו זיך צו ראַטעװען.

די נאַכט איז פֿאַמעלעך אױסגעגאַנגען. עס האָט גענומען זיך אױסשײלן אַ גרויע ליכטיקײט. די לאַסטשיף האָט זיך דערנענטערט צום ברעג. בײַ דער געפּלאָנטער מענטשן־מאַסע אויף דער יבשה, האָט מען געהערט אײנער דעם אַנדערנס אָטעם, דאָס קלאַפּן פֿון צװײטנס האַרץ פֿאַר אױפֿרעגונג. עס איז געװען אַ מינוט, װען די מענטשן האָבן געזען, אַז זײ װעלן געראַטעװעט װערן פֿון דער גרעסטער סכּנה. בײַם אײַזערנעם לײטער בײַם קומען אויף דער שיף, האָט זיך באַ־װיזן אַ מאַן אין אַן אוניפֿאָרעם. ער האָט אַ רגע באַטראַכט די צענױפֿ־געקװעטשטע מאַסע און אױסגערופֿן:

— איך נעם אײַך אַלעמען אַרויף אויף דער שיף! איך האָב ניט

קיין שפּייז און וואַסער, מער ווי פאַר מיינע מאַטראָזן. מיר וועלן זיך טיילן מיט אייך אַלעמען. ווער עס קען מיטנעמען מער עסנוואַרג, זאָל עס טאָן. מיר אַנקערן גלייך אויף.

ער האָט ניט פאַרענדיקט די עטלעכע פּשוטע ווערטער, און פון אַלעמענס הערצער האָבן זיך אַרויסגעריסן קולות פון פרייד און באַגייסטערונג. די מענטשן האָבן געוויינט פאַר פרייד און ווי אַ שטורמישע לאַווע זיך געריסן אויף דער שיף אַרויף.

אין עטלעכע צענדליק מינוט איז דער אַנקער געוואָרן אויפגעהויבן. פון קוימען האָט געזעצט אַ געדיכטער רויך און די שיף האָט גערירט פון אָרט, געוויגט זיך אומזיכער אויף אַלע זייטן און אַריינגעשוואומען אינעם ברייטן בעט פון אָקעאַן.

די שיף האָט אויף זיך איצט געהאַט אַ לאַדונג פון אַכט הונדערט נפשות. זי איז געשוואומען אין דער שפּאַנישער ים־זאָנע, פאַרזיכטיק. דעם קאַפּיטאַן מאַראַ, וואָס האָט געראַטעוועט די אַכט הונדערט מענטשן, האָט געדראָט פון דער מאַכט אַ שטראָף פון טויט. די שיף האָט געהאַט איין איינציקע קאַיוטע פאַרן קאַפּיטאַן און אַ צוואַנציק מאַטראָזן מיט אָפיצירן.

דער דעק איז געווען באַלייגט מיט ברעטער, אייזנס. די שיף האָט זיך געוואָרפן אין די שטורמישע כוואַליעס ווי אַ שאָלעכל פון אַ נוס. די מענטשן זיינען אַוועקגעפאַלן אויפן דעק מידע, פאַרמאַטערטע און פול מיט האָפענונג און בענטשונג פאַר דעם אומבאַקאַנטן רעטער.

די שיף איז ערשט געהאַט אָנגעקומען פין מאַרטיניק, זי האָט געפירט אַ סך טאָן מיט רויע באַנאַנעס, וואָס זיינען געלעגן אין די קעלערן. די באַנאַנעס זיינען נאָך ניט געווען רייף צו עסן, האָט דער קאַפּיטאַן באַפוילן מען זאָל די פּירות וואַרפן אין ים אַריין, כדי מען זאָל מאַכן אָרט פאַר די פרויען, אַלטע לייט און פאַר די קינדער. זיי זאָלן קענען די קעפּ אַוועקלייגן אין די קעלערן. די מאַטראָזן האָבן זיך געטיילט מיט דעם לעצטן ביסן ברויט און מיט דעם לעצטן שלוק וואַסער.

צווישן די אַכט הונדערט נפשות, האָבן זיך געפונען מענטשן פון זיבנצן נאַציאָנאַליטעטן, דער גרעסטער טייל זיינען געווען יידן פון פאַרשידענע לענדער, וואָס זיינען אַנטלאָפן קיין פראַנקרייך.

דער קאַפּיטאַן איז אַליין געשטאַנען ביים רודער און געקירעוועט די שיף דורך אַלע געפערלעכע ערטער. ווען ער איז געווען פריי, האָט ער מיט אַלע כּוחות באַרואיקט די מענטשן-מאַסע, זיי זאָלן נישט זאָרגן. ער וועט זיי שוין ברענגען צו אַ ברעג, און אין זיך האָט ער אַליין נישט געוואוסט, וואוהין.

שוין עטלעכע טעג איז די שיף געשוואומען אינעם אַטלאַנטיק. די מאַטראָזן האָבן שוין אָוועקגעגעבן זייער לעצטן ביסן ברויט. אָן אַ שיעור מאָל האָט די שיף אויסגעמיטן דייטשישע טאָרפּעדאָס און סובמאַרינען. די מענטשן אויף דער שיף זיינען געווען פאַרזאָרגט און בייז. זיי האָבן נישט געוואוסט וואוהין זיי שווימען. זיי האָבן זיך געקריגט צוליב אַ טראָפּן וואַסער, צוליב אַ פאַרדאַרטער סוכאַרקע. ערשט אויפן זעקסטן טאָג איז די שיף אָנגעקומען אינעם פּאָרט פון דער שטאָט ליסאַבאָן אין פּאָרטוגאַל.

אינעם פּאָרט זיינען געשטאַנען אַ סך שיפן פון פאַרשידענע לענדער, וואָס זיינען איצט געווען אין מילחמה. ביינאַכט האָבן ריזיקע רעפלעקטאָרן געוואָרפן ליכטער אויף אַלע זייטן. די שיפן זיינען דאָ געשטאַנען איינגעגליווערטע, אויסגעזען ווי פאַנטאַסטישע פעלדזן אין אַלעריי געשפּענסטיקע געשטאַלטן. אויף די שיפן איז דאָס לעבן געווען אויסגעלאָשן אינאיינעם מיט די הערשנדיקע מאַכטן, צו וועלכע די שיפן האָבן באַלאַנגט.

אין פּאָרטוגאַל האָט מען נישט געוואָלט אַריינלאָזן די אויסגעמאַטערטע, הונגעריקע מענטשן-מאַסע. פּאָרטוגאַל אַליין איז אַן אָרעם לאַנד און האָט נישט געהאַט גענוג שפּייז אויפצונעמען טויזנטער נייע פּליטים, וואָס האָבן דאָ אַהער געשטראָמט פון אַלע זייטן וועלט. דער אומבאַקאַנטער קאַפּיטאַן מאַראַ פון דער לאַסטשיף „עספּעראַנס“, אויף וועלכער עס האָבן זיך געפונען אַכט הונדערט לעבנס, איז יעדן טאָג צוגעשוואומען אין שטאָט אַריין, געבעטן אַ שיף, מען זאָל קענען די מענטשן פירן ווייטער. ווייל זיין לאַסטשיף האָט זיך שוין מער נישט געקענט שלעפּן איבערן ים. ענדלעך איז אים געלונגען צו באַקומען אַ נייע לאַסטשיף, וואו מען האָט די מענטשן-מאַסע אַריבערגעלאָזן.

דער אומבאַקאַנטער קאַפּיטאַן איז אויף דער שיף נישט אַרויף.

עס איז געווען אַ פאַרנאַכט. די זון האָט זיך צעברענט אין פלאַמיקן גאָלד איבער די בלויע וואַסערן פון אַטלאַנטיק. געלאָשן אירע

לעצטע שטראַלן. די אַכט הונדערט מענטשן האָבן זיך געריסן מיט זייער אָרעם ביסל באַגאַזש, ווער אַ וואַליזקעלע, ווער אַ פּעקעלע, ווער אַ העמד, געריסן זיך וואָס שנעלער אַריבערצולויפן די שטריק-לייטערס פון איין שיף צו דער אַנדערער.

אויף דעם דעק פון זיין קליינער לאַסטשיף, וואָס איז איצט געווען אויסגעליידיקט פון מענטשן, איז געשטאַנען דער אומבאַקאַנטער קאַפּיטאַן, אַרומגערינגלט מיט עטלעכע מאַטראָזן, זיין קליינע פּייקע האָט ביי אים געציטערט צווישן די ליפּן און די אויגן האָבן לייכט געטרערט פאַר אויפרעגונג און איבערלעבונג. ער איז געשטאַנען אינעם בין-השמשות-ליכט, געריבט פון דעם אויסגעשריי פון מענטשלעכער דאַנקבאַרקייט. אויף יענער שיף האָבן די מענטשן אויסגעבראָכן אין אַ פייערלעכן געזאַנג פון פראַנצויזישן הימן, אַ ספּאָנטאַנער אויסדרוק פון דאַנקבאַרקייט צו דעם אומבאַקאַנטן קאַפּיטאַן.

די שיף מיט די אַכט הונדערט מענטשן האָט איצט געשניטן די וואַסערן צו די נאָרד-אַפריקאַנישע ברעגן, צו די פראַנצייזישע קאָלאָניעס.

ווער איז געווען דער אומבאַקאַנטער רעטער?

איין ייד האָט געזאָגט, אַז עס איז געווען אליהו-הנביא אין דער געשטאַלט פון אַ פראַנצויזישן קאַפּיטאַן. אַ צווייטער ייד האָט געזאָגט, אַז ער איז געווען אַ פּשוטער מענטש מיט אַ וואונדערלעך גוט האַרץ, וואָס האָט אין דער לעצטער רגע געראַטעוועט אַכט הונדערט מענטשן, נים פאַרלאַנגט פון זיי גאָרנישט, נים קיין געלט, נים קיין פּאַפּירן. אַ דריטער ייד האָט געזאָגט, אַז ער איז געווען אַ העלד, אַ מענטש, וואָס איז יעדעם מאָל גרייט צו גרויסע געשעעענישן.

מען האָט מער פון אים נים געהערט. נאָר דאָס געשטאַלט פון דעם אומבאַקאַנטן קאַפּיטאַן האָט זיך איינגעקריצט אין מיין זיכּרון מיט טיפער פאַרערונג. ווייל אויך איך אַליין האָב זיך געפונען אויף דער שיף און איך אַליין בין געראַטעוועט געוואָרן אַ דאַנק דעם פרעמדן פראַנצויזישן שיפס-קאַפּיטאַן.

מוניע און זשאַן

דער קליינער עמנואל (מוניע) איז יענעם זומער געווען אויף וואַקאַציע אינעם דאָרף טריווי. ער האָט געוואוינט ביי אַ פּראַנצויזישן פּאַרמער, וואָס האָט געהאַט אַ יינגל מיטן נאָמען זשאַן, אינעם עלטער פון זיבן יאָר אַזוי ווי מוניע.

זשאַן האָט געהאַט אַ ווייס געפלעקטן הונט מיט זייער גרויסע אויערן, וואָס האָבן אַראָפּהענגענדיק צוגעדעקט זיין גאַנצן קאָפּ.

די דריי זיינען געוואָרן זייער גוטע פריינד. זיי זיינען אינאיינעם געגאַנגען כאַפּן פיש, זיי האָבן געכאַפּט פייגל, האָזן, און זיי נאָכדעם אָפּגעלאָזט פליענדיק. האָבן די פייגל זיך פריילעך צעזונגען איבער זייערע קעפּ, די העזלעך האָבן ניט געגלויבט זייערע אויגן און אויערן, אַז זיי זיינען פריי. זיינען זיי אַ ווײַלע געשטאַנען דערשראָקענע, און מיט אַ מאָל זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און ווי פייל פון בויגן אַנטלאָפן טיף אין וואַלד אַריין.

אין איינעם אַ בלויען פרימאָרגן פון די ערשטע טעג פון חודש סעפּטעמבער, זיינען אַלע איינוואוינער פון דאָרף אַרויס אויף די פעלדער אָפּשניידן די גרין־גאָלדיקע און בלוט־רויטע וויינטרויבן, וואָס האָבן פולע, זאַפטיקע אַראָפּגעשווערט צו דער ערד.

אויך מוניע, זשאַן און דער הונט זיינען אַרויס אין פעלד פליקן די טרויבן. אַלע וויין־שניטער האָבן גע־

זונגען, געלאַכט, געפּליקט די שווערע וויינטרויבן, וואָס זיינען געווען פּייכט פון פרימאָרגן־טוי.

פּלוצעם האָט מען געזען אַ פערד קומט אָן צו לויפן אין גאַלאָפּ און דער רייטער אויפן פערד איז געווען דער לאַנגער פּיער, דער נייעס־טרעגער פון דאָרף. דער רייטער איז אַראָפּ פון פערד, אַוועקגע־שטעלט זיך אין מיטן פעלד און אָנגעהויבן פּויקן אין אַ באַראַבאַן. זיין דינער, לאַנגער קערפּער איז געווען איינגעבויגן און זיינע לאַנגע דאַרע הענט האָבן מיט די שטעקעלעך געזעצט איבער דער פּויק, אַז אַלע מענטשן זיינען זיך צונויפגעקומען אַרום אים. ער האָט אַרויסגע־שלעפּט פון בוזעם אַ צעקנייטשט פּאַפּיר און אַרויסגעלייענט, שריי־ענדיק:

— מיר מאַכן באַקאַנט אַלע איינוואוינער פון טריווי, אַז עס איז אויסגעבראָכן אַ מילחמה צווישן דייטשלאַנד און פראַנקרייך און אַלע יונגעלייט אינעם עלטער צווישן צוואַנציק און פינף און פערציק יאָר, מוזן היינט פאַרנאַכט אַוועק אין קריג! אונטערגעשריבן: דער קאָ־מאַנדאַנט...

פּיער האָט אויפגעהערט לייענען און ווידער גענומען פּויקן, כּדי צו לאָזן וויסן, אַז ער האָט זיין מיסיע אויסגעפירט. ער איז אַרויפגע־קראָכן אויפן פערד, מיט דער פּויק און אַוועקגעריטן אין ווילדן גאַלאָפּ.

אַלע מענטשן אין פעלד האָבן זיך אַ וויג געטאָן ווי קאָרן־זאַנגען אין ווינט. אַלע האָבן גענומען שרייען, פּילדערן. מען האָט קוים אויפ־געקליבן די אָפּגעריסענע וויינטרויבן, געוואָרפן זיי אין קוישן און אַלע האָבן פאַרלאָזט דאָס ווייַנפעלד.

דעם זעלבן פאַרנאַכט האָט דער גלאָק אינעם קליינעם קלויסטערל פון דאָרף זיך צעוויינט און די קלאַנגען האָבן זיך צעטראָגן ברייט און ווייט מיט דער וויסטער נייעס. פון אַלע הייזער זיינען אַרויסגעקומען מענער. יונגע און עלטערע. יעדער פון זיי האָט געהאַט אַ פּעקל אונ־טערן אָרעם, אָדער אַ פולן זאַק פאַרוואָרפן אויף די פּלייצעס. נאָך די מענער זיינען נאָכגעגאַנגען ווייבער, קינדער, אַלטע לייט. טייל פון די יונגעלייט האָט געזונגען פרייַלעכע לידער, אַנדערע זיינען געגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. ביים סוף פון דאָרף האָבן זיי זיך צעקושט מיט די מאַמעס, ווייבער, קינדער און אַוועק איבער פעלד און וואַלד

צו דער שטאָט מאָקאָן, װאָס איז די נאָענטסטע באַן־סטאַנציע און פון װאַנען עס גײען אָפּ באַנען איבערן גאַנצן לאַנד.

איך זשאַנס פאָטער איז אַװעק אין קריג.

צומאָרגנס איז אָנגעקומען אַ בריװ צו דעם קלײנעם מוניע פון זײן מאַמען פון דער גרױסער שטאָט. די מאַמע האָט געשריבן, אַז ער זאָל ניט דערװעגן צו קומען אַהײם. ער זאָל בלײבן אין דאָרף אַזױ לאַנג, ביז די מלחמה װעט זיך ענדיקן.

אין דאָרף איז איצטער געװען זײער אומעטיק און שטיל. זשאַן, מוניע און דער הונט זײנען יעדן טאָג געגאַנגען אין װאַלד, געכאַפּט האָזן, װעװעריקעס, פאַרשפּאַרט זײ אין קאַמער, געמאַכט פאַר זײ װאַרעמע געלעגערס. זײ זאָלן אין װינטער ניט פאַרפרױרן װערן אין די װעלדער.

אין אײנעם אַ רעגנדיקן האַרבסט־טאָג, װען מען האָט ניט געקאָנט אַרױס אין דרױסן, האָט זשאַן געזאָגט צו מוניען:

— װײסט װאָס, מוניע, לאָמיר זיך שפּילן אין מלחמה:

— װאָס איז מלחמה?, האָט מוניע געפרעגט און זײנע בלױע אױגן אָנגעשטעלט אױף זשאַנען און אױפן הונט. איך װײס ניט װי אַזױ מען שפּילט זיך אין דעם.

דער הונט האָט אַראָפּגעלאָזט די אױערן און זיך שטיל צעגענעצט און צעװאָיעט.

— מלחמה איז, װען אײנער שלאָגט זיך מיטן אַנדערן, האָט זשאַן געזאָגט, דו מוניע װעסט זײן דער דײטש. איך װעל זײן דער פראַנצױז און מיר װעלן זיך שלאָגן.

— איך װיל ניט זײן דער דײטש!, האָט מוניע אױסגערופן, איך װיל ניט!

זשאַן האָט זיך אַ רגעלע פאַרטראַכט און אױסגעשריגן:

— דער הונט װעט זײן דער שׂונא, דער דײטש! מיר װעלן זײן די פראַנצױזן! מיר װעלן מאַכן אַ פרײלעכע מלחמה־שפּיל!

דער הונט איז מיט בײדע פאָדערשטע לאַפּעס אַרױפגעשפּרונגען אױף זשאַנען און אים געלעקט אין פּנים.

— גיי אַוועק פון מיר !, האָט זשאַן געשריגן, דו ביסט היינט מיין שׂונא. מיר האַלטן מילחמה. טאָרסט ניט צוגיין נאָענט צו מיר !

דער הונט האָט זיך היימיש צעבילט, געדרייט מיטן עק און אויפגעהייבן די לאַנגע אויערן, אַ סימן, אַז ער איז איבערגליקלעך.

אויף דער וואַנט איז קרומלעך געהאַנגען דעם פאָטערס יעגער־ביקס און אַ לאַנגע שווערד אין אַ שייד, וואָס דער זיידע האָט אַהיים־געבראַכט פונעם ערשטן וועלטקריג, וואו ער איז געווען אַ קאַוואַלע־ריסט. זשאַן האָט גענומען די ביקס און די שווערד האָט ער געגעבן מוניען.

די ביקס איז גראַד געווען געלאַדן, ווייל מיט אַ טאָג פריער איי־דער זשאַנס פאָטער איז אַוועק אין קריג, האָט ער די ביקס אויסגעריי־ניקט און געזאָלט גיין אויף יאַגד, שיסן ווילדע פייגל, קוראָפּאַטוועס, הירשן, וואָס מערן און פרוכפּערן זיך אין די שפּעטע זומער־טעג אין די וועלדער.

זשאַן האָט מיט דער ביקס אין האַנט איבערגענומען די קאָמאַנ־דע. ער האָט אויסגעשריגן :

— דו, מוניע, וואַרף זיך אויף רעכטס, און דו, ער האָט אָנגעוויזן דעם הונט, שטעל זיך אַקעגנאיבער !

דער הונט האָט געפאָלגט. זשאַן האָט געצילט מיט דער ביקס, אַ צי געטאָן ביים צינגל, ער האָט זיך געהערט אַ מוראַדיקער קנאַל, די שטוב איז פול געוואָרן מיט רויך און עס האָט זיך אויך געהערט אַ פאַרקרעמפּטער, פאַרשטיקטער געשריי פונעם הונט.

זשאַן איז מיט דער ביקס אין האַנט אַרויפגעפאַלן אויף דעם הונטס טויטן קערפּער. ער האָט זיך שטאַרק צעוויינט, און ניט גע־לאָזט דעם הונט רירן פון אָרט. זיין מוטער און די שכנים, האָבן אים קוים געקאָנט אָוועקרייסן פונעם טויטן הונט.

— איך האָב אים געהרגעט, האָט זשאַן געכליפּעט, מיט מיינע אייגענע הענט.

פון יענעם טאָג אָן האָבן זשאַן און מוניע זיך מער נית געשפּילט אין מילחמה. זיי זיינען אין איין טאָג געוואָרן דערוואַקסענער און פאַרשטאַנען, אַז מילחמה איז אַ מערדערישע שפּיל, פאַר קינדער אַזוי גוט ווי פאַר דערוואַקסענע...

זשאַן האָט אַריינגעוואָרפן די ביקס אין טייך, וואו ער האָט געכאַפּט פיש.

— די ביקס טאָר מער נית זיין אין אונדזער הויז, — האָט זשאַן אַ טרויעריקער געזאָגט.

דער נייער נאָמען

מיט צעשראָקענע אייגעלעך איז דאָס ייִנגעלע אָנגעקומען אין דער טומלדיקער קינדער-היים, אין אַ דערפעלע אין פראַנקרייך. ער האָט אויסגעזען ווי אַ געיאָגט צעשראָקן חיהלע וואָס זוכט זיך צו באַהאַלטן און מיט זיינע שוואַרצע אייגעלעך געקוקט אין אַלע זייטן. דאָ אין דער היים, איז געווען פריילעך, ליכטיק און וואַרעם. קינדער זיינען אַרומגעלאָפן, ייִנגלעך און מיידלעך מיט קלינגענדיקע קולעכלעך, האָבן געלאַכט, געזונגען, געטאַנצט און געפלאַפלט.

דאָס ייִנגעלע האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס מען רעדט דאָ. ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געזען אַזויפיל קינדער, ניט געווען אין אַזאַ וואַרעמער, פריילעכער שטוב. ער האָט ניט פאַרשטאַנען פאַרוואָס אַלע לאַכן און זינגען. אַ לערער פון דער „היים” איז צו אים צוגעגאַנגען, אַ גלעט געטאָן אים איבערן קעפל, אָנגענומען ביי אַ הענטל און צו אים ליבלעך גערעדט:

— וואָס ביסטו אַזוי טרויעריק, ייִנגעלע?

דאָס ייִנגעלע האָט זיך געשעמט, זיינע בעקלעך האָבן געפלאַמט אויף רויט און ער האָט גאָרניט געענטפערט.

האָט דער לערער נאָכאַמאָל געפרעגט:

— פאַרוואָס גייסטו ניט צו צו די אַנדערע קינדער זיך מיט זיי שפּילן? ריידן צו זיי, לאַכן און זינגען מיט זיי?

דאָס ייִנגעלע איז געווען בייז, ער האָט ניט געוואָלט רעדן, ער האָט געקאָפּעט מיט די פיסלעך און געקוקט אויף אַלעמען מיט חשד,

װי מען װאָלט אים געװאָלט בײז טאָן, אַלע האָבן אים אױסגעזױגן פּרעמד. זײַנע שװאַרצע אײגעלעך האָבן געפינטלט אין אַלע זײַטן.

צװישן די קינדער זײַנען געװען צװײ מײדלעך שטיפּערקעס, לאַכנדיקע און פלאַפּלענדיקע. אײנע האָט געהײסן שפּרינצעלע און די אַנדערע חװהלע (כאַװעלע). האָבן זײ געקוקט אױף דעם ײנגעלע, געװױטלט זיך, געװאָלט צו אים רײדן, זײַנען זײ צוגעגאַנגען און אים געפרעגט אױף ײדיש:

— װי הײסטו, ײנגעלע?

ער האָט ניט פאַרשטאַנען קײן ײדיש, ער האָט בלױז גערעדט פּױליש, האָט ער שטיל געענטפערט אַז ער פאַרשטײט ניט װאָס מען רעדט צו אים.

אָבער שפּרינצעלע, װאָס איז אַלט געװען אַזױ װי ער, 9 יאָר, האָט פאַרשטאַנען פּױליש, װײַל אױך זי האָט געשטאַמט פון פּױלן, האָט זי זיך צעלאַכט מיט קלינגענדיקע װערטער, אַז זי פאַרשטײט װאָס ער רעדט, און אים באַלד געפרעגט װי ער הײסט.

— קלײנער, —האָט ער געזאָגט מיט אַ ניט־דרײסטער שטימע.

שפּרינצעלע און חװהלע האָבן זיך צעלאַכט מיט זײערע קלינגענדיקע קולעכלעך:

— פאַרװאָס עפּעס קלײנער?

— אַזױ האָט מען מיך גערופן —האָט דאָס ײנגעלע שעמעװדיק און בײזלעך געזאָגט.

די צװײ מײדעלעך האָבן זיך צו אים צוגעטשעפּעט און געװאָלט אַלץ װיסן.

— װאו איז דײַן טאַטע און מאַמע?

— איך װײס ניט. איך האָב זײ ניט געזען, האָט „קלײנער“ גע־ענטפערט.

שפּרינצעלע האָט באַלד פאַרשטאַנען, װײַל אױך זי האָט ניט מער געהאַט קײן טאַטע און קײן מאַמע.

— האָסטו שװעסטערלעך און ברידערלעך?, האָט דאָס מײדעלע געפרעגט.

— איך װײס ניט. אפשר יאָ. אײן שװעסטער און אײן ברודער, —האָט דאָס ײנגעלע בײזלעך געענטפערט,— מיר האָבן אינאײנעם

געפּאַשעט די קי, די קעלבלעך, די געגנדזלעך. אינאיינעם געבראָטן קאַרטאָפל אין פעלד און זיך געבאָדן אין טייכל ביי דער מיל.

— זיינען זיי אויך געווען אַזעלכע גוטע, ווי דו, קליינער?, האָבן די מיידלעך געלאַכט, זיי ריידן אויך בלויז פּויליש?

דאָס יינגעלע האָט ניט גערן גערעדט. ער איז אַלץ געווען בייז און פאַרביסן, אָבער דאָך האָט ער דערציילט:

— זיי זיינען ניט שטענדיק געווען גוט צו מיר. זיי האָבן מיר געיאָגט אין פעלד אַריין, ווען עס איז געווען קאַלט, ווען עס האָט גערעגנט, ווען אַ ווינט האָט געשטורעמט. זיי זיינען געבליבן אינדער־היים און זיך געוואַרעמט אויפן אויוון. זיי האָבן מיך אָפט געשלאָגן, געטריבן צו טאָן שווערע זאַכן, כאָטש זיי האָבן גערעדט אַזוי ווי איך. זיי האָבן געזאָגט, אַז מען האָט מיך געבערענגט צו זיי אין דאָרף אַריין, ווען איך בין געווען אַ גאַנץ קליינטשינקער און מען האָט מיך איבער־געלאָזט ביי זיי אין הויז. זיי האָבן געזאָגט, אַז איך האָב ניט קיין טאַטע און קיין מאַמע און אַז איך בין געלעגן ביי זיי אין קעלער באַ־האַלטן זייער לאַנג.

די מיידעלעך האָבן געמאַכט טרויעריקע מינעס און געזאָגט:

— דאָ וועט דיר זיין גוט, יינגעלע. מיר זיינען דאָ אַלע שוועסטער און ברידער. אמתע שוועסטער און אמתע ברידער.

דאָס יינגעלע האָט באַקומען מער צוטרוי. ער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און שטיל געזאָגט:

— איך האָב געהאַט אַ גוטן הונט. ער האָט געהייסן „שמיאַלי". איך האָב אים זייער ליב געהאַט. ער איז מיר שטענדיק נאָכגעלאָפן, געקוקט מיר אין די אויגן, געלעקט מיר די הענט און געשלאָפן מיט מיר. ער איז געווען מיט מיר שטענדיק אין פעלד און געהיטן די געגנדזלעך.

שפּרינצעלע האָט געזאָגט:

— וואו איז דער הונט „שמיאַלי"? ער הייסט אויף יידיש „אַ דרייסטער".

— ווען עס זיינען געקומען מענטשן, מיך אַוועקגענומען פון דאָרף דאָ אַהער —האָט דאָס יינגעלע געענטפערט— איז ער מיר נאָכגעלאָפן מיט אַ געוויין, מיר געלעקט די הענט מיט זיין וואַרעמער

צונג און מיר געשפּרונגען אין פּנים. אָבער מיר האָבן זיך איינגע־זעצט אויף אַן אויטאָמאָביל און זיינען אַוועקגעפאָרן. איך האָב געזען דורכן פענצטערל, ווי ער לויפט נאָך, וואָיעט און קלאָגט.

— ווערסט דאָ האָבן אַן אַנדער הינטעלע, האָט חוהלע געזאָגט אויף יידיש און שפּרינצעלע האָט פאַר אים איבערגעזעצט. מיר האָבן דאָ דריי הינטעלעך. זיי הייסן: בלאַנשי, ראַנדי און רוזשי. דאָס הייסט: ווייסינקער, רונדיקער און רויטינקער.

דאָס יינגעלע האָט זיך צעלאַכט. אים זיינען זייער געפעלן די נעמען.

שפּרינצעלע האָט זיך געסוֹדעט מיט חוהלען אין דער שטיל און געזאָגט צו אים:

— מען וועט דיך בעסער רופן הערשעלע. עס איז פיל שענער ווי קליינער. מיר האָבן דאָ אַ סך נעמען פון די יינגעלעך, אָבער קיי־נער הייסט ניט הערשעלע.

„קליינער" איז געווען צופרידן. עס איז אים געפעלן דער קלאַנג, דער ווייכער זינגעוודיקער קלאַנג: הער—שע—לע. האָט ער צוגע־שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ.

שפּרינצעלע האָט געזאָגט מיט אַן ערנסט מינעלע:

— מיין באָבעשי האָט מיר אַמאָל דערציילט אַ מעשהלע וועגן אַ

הערשעלע, אַ קליינטשיק הערשעלע, וואָס איז געווען אַליין אין וואַלד, האָט ניט געהאַט קיין טאַטע־מאַמע, עס האָט געבלאָנדזשעט און אַ שלעכטער מענטש האָט עס געפאַנגען...

— וואָס איז טייטש הערשעלע?, האָט קליינער געפרעגט, וואָס איז אַ הערשעלע?

ביידע מיידעלעך האָבן געענטפערט:

— דאָס איז אַ שיין חיהלע, לעבט אין וואַלד, האָט געדרייטע הערנער און שפּרינגט אַרום.

„קליינער" האָט זיך פאַרטראַכט און געפרעגט:

פאַרוואָס רופט מען מענטשן מיט דעם נאָמען?

— בלויז קליינע יידישע יינגעלעך, האָבן די מיידעלעך געזאָגט, רופט מען אַזוי. איצט, אַז דו וועסט הייסן הערשעלע, וועט מען דיך לערנען ריידן, לייענען און שרייבן אין יידיש און אין העברעאיש. אַלע יידישע יינגעלעך מוזן קענען יידיש און העברעאיש.

זיין פּנימל איז שוין מער ניט געווען אַזוי בייז, ער האָט זיך שוין ניט אַזוי געשעמט. ער האָט אָנגעהויבן זיך שפּילן מיט אַלע קינדער צוזאַמען און לאַכן און אויפכאַפּן די יידישע און העברעאישע ווערטער, וואָס די קינדער האָבן גערעדט. די לערער האָבן מיט אים געלערנט און ער האָט אינגיכן אָנגעהויבן פאַרגעסן דאָס פּוילישע לשון. זיינע אויגן זיינען געוואָרן פריילעכער און ער איז געוואָרן שטיפעריישער און צוגעלאָזענער.

איינמאָל האָט ער געפרעגט שפּרינצעלען און חוהלען, פאַרוואָס רעדט מען דאָ אַנדערש ווי אויפן דאָרף, וואו ער איז געווען די גאַנצע צייט.

— ווייל מיר זיינען יידן, רעדן מיר יידיש און העברעאיש, —האָבן ביידע מיידעלעך אין איין קול געענטפערט,— און דו, הערשעלע, ביסט דאָך אויך אַ ייד.

— איך האָב ניט געוואוסט, אַז איך בין אַ ייד, האָט הערשעלע געזאָגט, איך האָב ניט געוואוסט. זיי האָבן מיר אין דאָרף ניט געזאָגט, אַז איך בין אַ ייד.

— איבער דעם ביסטו געווען באַהאַלטן אין דאָרף, אַוועקגעריסן פון דיין יידישע טאַטע־מאַמע און ביסט געווען אַ לאַנגע צייט באַ־

האַלטן אין אַ קעלער. —האָט שפּרינצעלע מיט אַ סודותדיקע מינעלע געזאָגט.— באַהאַלטן פאַר די שלעכטע דייטשן, די בייזע דייטשן.

— אָבער וואָס איז אַ ייד?, האָט הערשעלע געפרעגט אַ שמייכלענדיקער.

— אַ ייד? —האָבן ביידע מיידעלעך זיך פאַרטראַכט און ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן,— אַ ייד איז אַזוי ווי דו, הערשעלע, ווי מיר ביידע, ווי אַלע יידישע קינדער דאָ. אינדערפרי זאָגט מען „מודה אני". מיר זינגען און מיר רעדן יידיש און העברעאיש. דער לערער זאָגט, אַז עס זיינען דאָ שיינע ימים־טובים, ווי: חנוכה, פּסח, ל"ג־בעומר. מען שפּילט זיך און מען עסט גוטע זאַכן. אַז מען וועט ווערן גרויס וועט מען אַלץ וויסן.

הערשעלע האָט אַ צופרידענער אָנגענומען דעם ענטפער. מען האָט אים איצטער געלערנט דאַווענען און לייענען די יידישע געשיכטע. ער האָט איצטער געלאַכט, זיך געשפּילט און געשטיפט מיט אַלע קינדער צוזאַמען אין דער „היים" און ווען עס האָט אים ווער גערופן „קליינער הערשעלע", האָט ער פּראָטעסטירט און געשריגן:

— איך היים בלויז הערשעלע! איך בין אַ ייד! אַזוי ווי אַלע, ווי חוהלע, שפּרינצעלע און אַלע דאָ. דערביי האָבן זיינע שוואַרצע גליענדיקע אייגעלעך זיך פריידיק צעשמייכלט און גליקלעך.

דער העלד פון
ליידיקן עקספּרעס־צוג

עס איז געווען אַ הייסער זומער־טאָג.

אין דאָרף האָבן אויסגעפּעלט אַרבעטער. אַלע מענער זיינען אַוועק אין דער מילחמה, עס זיינען בלויז געבליבן פרויען, קינדער און אַלטע לייט. אין דעם טאָג האָט מען געדאַרפט אָפּשניידן די קאָרן־זאַנגען פון די פעלדער, וואָס זיינען געוואָרן פון גרין גאָלדיק געל. ווער עס האָט נאָר געקאָנט עפּעס העלפן איז אַרויס אין פעלד. אויך דער קליינער עמנואל (מוניע), וואָס איז שוין געווען אין דאָרף איבער אַ יאָר צייט, איז אויך אַרויס מיט זיין חבר זשאַן. דעם קליינעם מוניע האָט די מאַמע דאָ אַהערגעשיקט פאַר דער מילחמה און מורא געהאַט אים אַהיים צו נעמען אין דער גרויסער שטאָט אַריין.

פּלוצלינג האָט זשאַן אויסגעשריגן:

— זע, מוניע, עראָפּלאַנען פליען!

איידער מוניע האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, האָט זיך געהערט אַ שרעקלעכער קראַך, ווי ריזיקע בערג וואָלטן איינגעפאַלן, אָדער ווי דונערן וואָלטן געשפּאָלטן דעם הימל. עס האָבן זיך געזען פייערן, שוואַרצער רויך מיט פלאַקערנדיקע רויטע צונגען. דער דאָרף האָט געברענט. פערד זיינען אַרויסגעשפּרונגען פון די שטאַלן, קי האָבן געמעקעט, הינער און הענער זיינען געפלויגן הין און צוריק, הינט האָבן זיך געריסן פון די קייטן.

מוניע איז געלאָפן איבערן פעלד. ער איז געווען באַגאָסן מיט

שוויים. ער האָט קוים געקענט דעם אָטעם כאַפּן. ער האָט געשריגן מיט באַנומענע קולות:

— מאַמע, מאַמע!

אָבער זיין מאַמע איז געווען דריי הונדערט מייל ווייט פון אים.

ער איז געלאָפן צו דער נאָענטסטער שטאָט, פון וואַנען עס גייען אָפּ באַנען קיין פּאַריז, וואו זיין מאַמע איז געווען. ער איז צוגעקומען צום באַנהויף, צוגעלאָפן צום קאַסע־פענצטערל און אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געוויין:

— איז דאָ אַ צוג קיין פּאַריז?

— יאָ, מיין קליינער, האָט געענטפערט אַ מאַן מיט אַ גרויען קאָפּ האָר הינטערן פענצטערל, ווי אַזוי קאָנסטו אין אַזאַ צייט פאָרן קיין פּאַריז? די גאַנצע וועלט ברענט!

— מיין מאַמע איז דאָרטן, אַליין, אינגאַנצן אַליין. איך וויל אַהיים פאָרן.

דער אַלטער מאַן הינטערן קאַסע־פענצטערל, האָט טרויעריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, געגעבן מוניען אַ בילעט און געזאָגט:

— אין אַ האַלבע שעה אַרום קומט אָן אַן עקספּרעס־צוג און גייט קיין פּאַריז, אויב דער צוג וועט איפּן וועג ניט באַמבאַרדירט ווערן, וועסטו קאָנען פאָרן. ווי אַלט ביסטו, יינגעלע?

— זיבן יאָר.

— ביסט זייער בראַוו. זאָל דיר גאָט העלפן זאָלסט אָנקומען געזונטערהייט און זען דיין מאַמען.

דער צוג איז ערשט אָנגעקומען אין דריי שעה אַרום. מוניע איז אַריין אין אַ וואַגאָן, אַוועקגעפאַלן אויף אַ ווייכער לעדערנער באַנק און צוגעמאַכט די אויגן.

דער צוג האָט זיך גערירט פון אָרט. מוניע האָט אויפגעמאַכט די אויגן און זיך אַרומגעקוקט:

דער גאַנצער וואַגאָן איז געווען ליידיק. ער האָט געזען בענק, בענק, פענצטער, טירן, אויפשריפטן, אַז מען טאָר ניט רויכערן און קיין איין לעבעדיק באַשעפעניש ניט. דאָס האַרץ האָט ביי אים געקלאַפּט פאַר שרעק. ער האָט גענומען לויפן צווישן די בענק, צוגעקומען צו אַ טיר, געעפנט, אַ ווינט האָט אים אַ פּייך געטאָן אין פּנים.

ער איז אַריין אין אַ צווייטן וואַגאָן. אויך דאָס זעלביקע: בענק, פענצטער, טירן און קיין איין לעבעדיק באַשעפעניש ניט. ער האָט זיך געשראָקן פאַר דער ליידיקייט אַרום זיך. ער איז געלאָפן ווייטער און אַריין אין אַ דריטן וואַגאָן, אויך דאָ איז קיינער ניט געווען.

ער איז צוגעלאָפן צו אַ באַנק, אַריינגערוקט זיך אין ווינקל. פלוצלינג האָט ער געפילט עפּעס שאַרט זיך ביי זיינע פיס, דראַפּעט זיינע הויזן. ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן און געזען אַ קאַץ קוקט אויף אים מיט גרינע אויגן. ער האָט גענומען די קאַץ אויף זיינע הענט. ער האָט דערפילט די וואַרעמקייט פון אַ לעבעדיק באַשעפעניש. עס איז אים געוואָרן היימלעכער. די קאַץ האָט זיך געטוליעט אין זיינע הענט, געריבן זיך דאָס בייכל ביי זיינע פינגער און זיך צעמיאַוקעט.

— מיר זיינען אינגאַנצן אַליין אויף דער גאַנצער וועלט, האָט ער גערעדט צו דער קאַץ.

דער צוג האָט געשניטן דורך פעלדער, וועלדער. עס איז שוין געווען פאַרנאַכט, די זון האָט נאָך געברענט. פאַסטעכער האָבן גע־טריבן אַהיים זייערע שאָף פון די פעלדער, הינט זיינען געלאָפן פאַר־אויס און פון הינטן. אין אַ פעלד איז אַ פערד געשפּרונגען, אַ קו האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געקוקט אין דער ווייטקייט אַריין, איבער די שפּיצן פון די ביימער, האָט געברענט די זון.

מוניע האָט געדריקט די קאַץ צום בויך. ביידע זיינען איינגע־שלאָפן.

אַ האַנט האָט אים אויפגעוועקט. ער האָט געהערט אַ ווייכע שטים:

— איינער אַליין אין אַן עקספּרעס־צוג? גאָט מיינער! נאַ נעם אַביסל וויין פון פלעשל. מוניע האָט אויפגעמאַכט די אויגן. ער האָט געזען דעם קאָנדוקטאָר פון צוג. אַ הויכער מאַן מיט אַ בלוי היטל אויפן קאָפּ, גאָלדיק מעשענע קנעפּ אויפן ראָק. אין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ פלעשל אין וועלכן עס איז געווען אַביסל רויטער וויין.

— טרינק!

מוניע האָט אַ זופּ געטאָן פונעם וויין. דער קאָנדוקטאָר האָט געזאָגט:

— דער צוג איז ליידיק, אַפילו אַ מויז איז ניטאָ, האָב איך גע־

געבן עטלעכע שלוק פֿון פֿלעשל און בין אײנגעשלאָפֿן. װער קאָן דאָס אויסהאַלטן אַלײן אין אַ לײדיקן צוג? אין שלאָף האָב איך געהערט װײנען אַזוי דין, איך האָב געמײנט פֿידלען שפּילן אַזאַ װײנענדיק לידל. איך האָב זיך אויפֿגעכאַפּט און דיך געפֿונען, מײן קלײנער, מיט אַ קאַץ אין האַנט, פֿונװאַנען האָסטו אַ קאַץ?

— געפֿונען דאָ אינעם צוג! זיכער פֿאַרבלאָנדזשעט און געזוכט אַ באַשיצונג.

— זײנען מיר דרײ לעבעדיקע באַשעפֿענישן אין אַן עקספּרעס־צוג. שײנע צײַטן, האָט דער קאָנדוקטאָר געזאָגט און ביטער געלאַכט.

— פֿאַרװאָס פֿאָרט קײנער ניט הײַנט קײן פּאַריז?

— װײַל די דײַטשן זײַנען הײַנט פֿרײַ אַרײַן אין שטאָט, און דו?

— מײַן מאַמע איז דאָרטן. איך פֿאָר צוריק פֿון װאַקאַציע.

דער אָװנט איז צוגעפֿאַלן. דאָס קעצל איז געשלאָפֿן בײַ מוניען אין שויס. פּלוצעם האָט עס געטאָן אַ האַסטיקן שטויס, װי דער װאָ־גאָן װאָלט זיך אַנגעשטויסן אין אַ צװײַטן. די באַן האָט זיך פּאַמעלעך אָפּגעשטעלט. דער לאָקאָמאָטיװ האָט האַסטיק געסאָפּעט, אַרויסגע־לאָזט װאָלקנס רויך.

— עס איז ניט גוט, האָט דער קאָנדוקטאָר געזאָגט און געלאָזט זיך גײן צו דער טיר.

מוניע האָט אַרויסגעקוקט אינעם דרויסן. ער האָט געזען אַ געדיכטן װאַלד מיט בײמער. אַלע זײַנען געװען שװאַרץ, פֿינצטער, װי שאָטנס. צװישן די בײמער האָבן גלי־װערעמלעך זיך געצונדן, װי גאָל־דענע פֿלעמלעך װאָלטן אויפֿגעפֿלאַקערט און זיך אויסגעלאָשן. מוניע האָט געבעטן גאָט, אַז ער זאָל זיך דערבאַרעמען איבער זײַן מאַמען, עס זאָל איר ניט געשען קײן שלעכטס.

דער קאָנדוקטאָר איז צוריקגעקומען און געזאָגט:

— מיר קאָנען װײַטער ניט פֿאָרן, מײַן קלײנער. מיר מוזן אַרויס־גײן. די ליניע איז איבערגעריסן. די דײַטשן האָבן באָמבאַרדירט אַ בריק און צעשמעטערט די רעלסן.

דער קאָנדוקטאָר האָט אָנגענומען מוניען בײַ דער האַנט און אים אַרויסגעפֿירט פֿון װאַגאָן. מיט דער צװײטער האַנט האָט מוניע געהאַלטן דאָס שלאָפֿנדיקע קעצל.

אין דרויסן איז געווען פינצטער. דער קאָנדוקטאָר האָט מוניען גענומען אויף די הענט און אים אַראָפּגעטראָגן אין אַ טאָל, וואָס האָט זיך געצויגן לענגאויס די באַן־רעלסן. ער האָט אויסגעטאָן זיין ראָק, אויסגעשפּרייט אויף דעם ווייכן ערד־אַנשיט און אַוועקגעלייגט מוניען אויפן ראָק.

— שלאָף מיין קליינער יינגל, מיר וועלן דאָ זיכער דאַרפן בלייבן אַ גאַנצע נאַכט. האָב ניט קיין מורא, עס וועט דיר ניט געשען קיין שלעכטס.

— איך וויל אַהיים צו מיין מאַמען, איך וויל זען מיין מאַמען! האָט מוניע געכליפּעט.

— זאָרג ניט, בראַווער יינגל. איך וועל דיך ברענגען צו דיין מאַמען.

ער האָט מוניען אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ. מוניע איז איינגע־שלאָפן מיט דער קאַץ אין זיינע אָרעמס. אינעם בלויען הימל האָבן זיך געצונדן שטערן און געלאָשן זיך. מוניע איז אַריין אין אַ גוטן חלום, וואָס האָט אים איינגעוויגט. די קאַץ האָט געוואַרעמט זיין קערפּער אַ גאַנצע נאַכט. פאַרטאָג האָט די קאַץ דערבליקט אַ מייזל אַרויסשטעקן דאָס קעפּל פון אַ לאָך אין אַ הילצערנער בעלקע, איז זי אַראָפּגעשפּרונגען פון מוניעס קערפּער, זיך גענומען יאָגן נאָכן מייזל און מער צו מוניען ניט צוריקגעקומען.

דער קאָנדוקטאָר פון דער באַן האָט געהאַלטן וואָרט. אַזוי ווי עס האָט אָנגעהויבן טאָגן, איז ער מיט מוניען אַוועק איבער דער אויפגעריסענער בריק און דורך אַלע וועגן און אומוועגן, זיינען זיי צוגעקומען צו אַן אַנדערער באַן, וואָס איז געפאָרן אַ שטיקל וועג. נאָכדעם האָבן זיי זיך אַרויפגעכאַפּט אויף אַ וואָגן געשפּאַנט צו אַ פערד, וואָס האָט געפירט מילך פאַר דער גרויסער שטאָט. דער גוטער מאַן האָט געבראַכט דאָס יידישע יינגל צו זיין מאַמען.

— ביסט איינער פון מיינע בראַווסטע פּאַסאַזשירן, האָט דער קאָנדוקטאָר געזאָגט ווען ער האָט זיך געזעגנט מיט מוניען, דעם העלד פון אַ ליידיקן עקספּרעס־צוג.

אַ שטיקל צייט איז מוניע געווען צוזאַמען מיט זיין מאַמען, ביז די דייטשן האָבן זיי צעשיידט.

אַ וואַרעמער גלעט

וואָכן לאַנגע האָט מאיר זאַנג זיך געשלעפּט איבער שטעטלעך און דערפֿער צופֿוסנס די ריזיקע פּירענייען־בערג. ער האָט גענעכ־טיקט אין שפּאַלטן פֿון אַ פֿעלדז, אין בערג־ריסן, אין גריבער. דער־נערט זיך מיט איילבירטן פֿון די ביימלעך, אויסגעבעטן ביי גוטע מענטשן אַ שטיקל ברויט, געטרונקען פֿון וואַסערפֿאַלן, וואָס ריזלען זיך ווי זילבער־בלויע שלאַנגען מיט געזאַנג פֿון פֿריידיקן רויש. ער האָט ניט געוואָלט אַריינפֿאַלן אין די הענט פֿון דייטש, וואָס וואָלטן אים אומגעבראַכט. ער האָט פֿאַרמאָגט אַ שטאַרקן ווילן, אַ געזאַנג אין האַרצן און אַ גלויבן, אַז גאָט וועט אים העלפֿן. ער וועט זיך אַרי־בעררייסן דעם בערג־פּלאַנטער ביי דער גרענעץ, אָנקומען אין שפּאַ־ניע און זיין לעבן וועט זיין געראַטעוועט.

איינמאָל אין אַ קאַלטן האַרבסט־פֿרימאָרגן ווען ער איז אַרויס פֿון אַ פֿעלדז־אויסברוך, איז אים אַקעגנגעקומען אַ הונט, וואָס האָט גע־האַלטן אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, די צונג אַרויסגעשטעקט צו דער ערד, די אויגן פֿול מיט טרויער. דער הונט האָט דערזען מאירן, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און גענומען וואָיען. אויך מאיר איז געבליבן שטיין, דערפֿילט, אַז די חיה איז אַזוי עלנט ווי ער, איז אַ געיאָגט באַשעפֿע־ניש, אפֿשר פֿון אַ פֿאַרלאָזענער היים.

ער האָט אַ גלעט געטאָן דעם הונט מיט וואַרעמקייט. דער הונט האָט דערפֿילט דעם וואַרעמען גלעט און גענומען זיך דראַפּען מיט די פֿאָדערשטע פֿיס איבער מאירס קערפּער, געלעקט אים די הענט און געווען דאַנקבאַר, וואָס ער האָט אַ פֿריינד.

דער הונט איז שוין געבליבן מיט מאיר זאַנג.

נאָך אַ צייט אַרומוואַגלען האָט דער מענטש און די חיה זיך דער־שלאָגן צו אַ שפּאַניש שטעטל האַרט ביי דער גרענעץ. די ביימער זיי־נען שוין געשטאַנען נאַקעטע, די צווייגן ווי גאָפּלען, האָבן זיך גע־שטרעקט צום הימל. פאַרנאַכט האָט זיך געהערט דאָס זילבערנע שאַלן פון דעם פּאַסטוכס האָרן, דאָס געלויף און געקלאַנג פון די סטאַדעס שעפּסן, וואָס האָבן זיך געלאָזט אַהיים פון פעלד אויף נאַכטרו. די בחורים און מיידלעך פון שטעטל האָבן געשפּילט אויף מאַנדאָלינעס פאַרבענקטע געזאַנגען און די בערג האָבן מיט זייערע גרינלעכע און גרויע פעלדזן־קעפּ אונטערגעשפּאַרט די בלויע הימלען.

די געזעץ־היטער, זשאַנדאַרמען אין שוואַרצע קאַסקן, האָבן דער־לויבט מאירן מיטן הונט דאָ צו בלייבן אַ שטיקל צייט און אים אָנגע־זאָגט, אַז:

— איר מוזט זיך מעלדן צוויי מאָל אין טאָג אין דער פּאָליציי, איר טאָרט ניט אַרבעטן, ניט פאַלן קיינעם צו לאַסט, ניט בעטן ביי קיינעם ברויט, אָדער אַ קלייד פאַרן לייב. טאָמער וועט איר ניט אויספאָלגן דאָס געזעץ, וואָס איז אָנגעצייכנט פאַר פרעמדע, וועט מען אייך אַריינזעצן אין תּפיסה.

מאיר זאַנג האָט צוגעזאָגט אויסצופאָלגן דעם פאַרזאָג. ער האָט געדונגען אַ קליין צימערל. יעדן טאָג געקויפט אַ קליין ברויטל פאַר זיך און פאַרן הונט, אַביסל איילבירטן און ביים שטעטלשן ברונעם אָנגעשעפּט וואַסער. דאָס איז געווען דערלויבט.

נאָך עטלעכע וואָכן קויפן זיך ברויטלעך און איילבירטן, האָט אים אויסגעפעלט געלט צו צאָלן פאַרן צימער און פאַר קויפן ברויט. בעטן ביי אַ גוטן מענטשן האָט ער ניט געטאָרט, ווייל עס וואָלט גע־הייסן, אַז ער היט ניט אָפּ די גאַסטפריינטלעכקייט, וואָס מען גיט אים, נאָר ער פאַלט צולאַסט אויף אַנדערע.

האָט ער טעג גאַנצע ניט געגעסן, געלעגן אויפן בעטל, געקוקט אויפן הונט. דער הונט האָט געקוקט אויף אים מיט טרייִשאַפט. דער הונגער האָט ביי ביידן געזונגען אין די געדערים, געפּייניקט. איז מאירן איינגעפאַלן אַ געדאַנק: ער וועט פאַרקויפן דעם הונט, באַקו־

מען אַביסל געלט און זיך קויפן ברויט. באַצאָלן פֿאַר נאָך עטלעכע טעג פֿאַרן צימער.

ער האָט צוגעפּייפֿט אַ לידל, דער הונט זאָל ניט דערשמעקן, וואָס דער באַלעבאָס גייט אָפּטאָן, פֿאַמעלעך אָנגענומען דעם הונט ביים לעדערנעם רימען, אַ גלעט געטאָן איבער דער פֿעל און אַרויס אינ-דרויסן. ער האָט אים געפֿירט צו אַ געשעפֿט פֿון פֿייגל, פֿיש, קעץ און הינט. דער הונט האָט זיך געריסן אויפֿן רימען און קוים געוואָלט אַריין אין געשעפֿט.

מרדכי האָט פֿאַרקויפֿט דעם הונט, באַקומען אַביסל געלט, איינ-געקויפֿט זיך ברויט, אָפּגעצאָלט פֿאַרן צימערל און איז ווידער געבליבן אָן אַ פּעני געלט.

צומאָרגנס פֿרימאָרגן, ווען דער נייער טאָג האָט געבלויט אויף דעם קליינעם פֿענצטער פֿון מאירס צימערל, האָט ער געהערט אַ דראַ-פּען ביי דער טיר. ער האָט געעפֿנט די טיר. דער הונט איז געווען צוריק, אַרויפֿגעשפּרונגען אויף אים מיט אַן אויסטערלישער פֿרייד, גע-לעקט איבערן פּנים און געווען גליקלעך. מאירן איז באַפֿאַלן אַ שרעק. באַלד איז אויך אָנגעקומען דער מאַן וואָס האָט געקויפֿט דעם הונט און געפֿאָדערט דאָס געלט צוריק. מאיר האָט שוין ניט געהאַט קיין געלט אָפּצוגעבן.

— איך וועל נאָך היינט מעלדן דער פּאָליציי —האָט דער הינט-הענדלער געדראָעט.— איך מוז צוריק האָבן מיין געלט. דער הונט וויל ביי מיר ניט זיין, ניט מיט גוטן, ניט מיט בייזן.

— וואַרט מיר ביז מאָרגן פֿרי —האָט מאיר זאַנג זיך געבעטן.

דער מאַן איז אַוועק. מאיר איז געבליבן אַליין מיטן הונט. די פֿאַרצווייפֿלונג האָט אים איינגעהילט מיט פּיין. ער האָט געטראַכט: ענדיקן מיטן לעבן. ער האָט געוואוסט, אַז ער וועט ניט האָבן קיין געלט אָפּצוגעבן, ניט צו קויפֿן קיין ברויט און ער מיטן הונט וועלן אויסגיין פֿאַר הונגער. איז שוין בעסער איצטער מאַכן אַ סוף.

די קליינע אויגן-שפּעלטלעך פֿונעם הונט זיינען געווען אויפֿגע-ריסן מיט קוקן, וואָס דער באַלעבאָס טוט, וואָס איז ער אַזוי טרויעריק. ער רעדט צו זיך, קוקט אין שפּיגל אויף דער וואַנט. דער הונט האָט אַ וואָיע געטאָן.

אויף דער טיר איז געווען אָנגעקלאַפּט אַ האָק אויפצוהענגען קליידער. אַ הוט. מאיר האָט לאַנג ניט געטראַכט, אַ כאַפּ געטאָן דעם פאַסעק פון די הויזן, פאַרוואָרפן איבער דעם האָק, מיט ביידע הענט אויסגעפּרואווט, אויב ער איז שטאַרק גענוג פאַר זיין קערפּער. ער האָט זיך אַרומגעבונדן דעם האַלדז, פעסט פאַרצויגן און מיט די פיס אַ שטויס געטאָן פון זיך דעם שטול.

דער הונט האָט ווי אַ ווילדער טיגער, מיט ברענענדיקע אויגן געטאָן אַ שפּרונג, מיט די ציין איינגעביסן זיך אינעם פאַסעק און ניט געקענט איבערבייסן, האָט ער ווידער אַ שפּרונג געטאָן, צו די הענגענדיקע פיס, אונטערגעהויבן מאירס קערפּער מיט זיין רוקן, געהויבן און דער פאַסעק אַרום האַלדז פון מאירן איז געוואָרן לויז. דערביי האָט דער הונט אַרויסגעלאָזט אַזאַ געוואָי און בילעריי, אַז די שויבן פון פענצטער האָבן אַ הילך געטאָן. אין עטלעכע רגעים האָבן מענטשלעכע הענט אויפגעריסן די טיר, אויפגעשניטן דעם לויזן קנופּ פון פאַסעק און אָפּגעראַטעוועט מאירס לעבן.

דער שטאַרקער קערפּער פון מענטש איז געווען אומבאַשעדיקט.

דער הונט איז אַרויפגעשפּרונגען אויף מאירן און מיט דער פייכטער צונג געלעקט זיין בלוילעכן פּנים, געיאָמערט פאַר פרייד. ווען מאיר האָט צו אים אַ שמייכל געטאָן. מאיר — אַ צעפּייניקטער, אַ צעווייטיקטער האָט אָנגעכאַפּט דעם הונטס גריווע מיט דער האַנט און איר צעשויבערט.

דער הונט האָט געוואָיעט. די וואַרעמקייט און דער ציטער פון דער האַנט האָבן אים אָנגעזאָגט די פריילעכע בשורה פון דעם מענטשנס לעבן.

II

יידישע ימים־טובים

דעם זיידנס חנוכה־לאָמפּ.

דער לאַמטערן איבערן שניי.

אַ שלח־מנות־טאַנץ.

דאָס מוטיקע יינגל.

ניט געוואָלט שפּילן המן.

ווער האָט געפרעגט די פיר קשיות.

לייבל און עדי בויען אַ שיף.

דער פאַרלוירענער בעכער.

בלויע נעכט פון פסח.

דעם זיידנס חנוכּה־לאָמפּ

— 1 —

דער זיידע האָט פאַרמאָגט אַן אַלטן און זעלטענעם חנוכּה־לאָמפּ פון ריינעם זילבער. דער זיידע האָט דערציילט, אַז דעם שיינעם חנוכּה־לאָמפּ האָט ער אַמאָל געקויפט ביי אַ ייִדן, וואָס איז פון ווייטע לענדער אָנגעקומען אין שטאָט אַריין.

איך בין געווען דאָס איינציקע אייניקל ביים זיידן. יעדן ערשטן טאָג חנוכּה בין איך געקומען צום זיידן אין שטוב אַריין צוליב צוויי זאַכן: זען דעם שיינעם חנוכּה־לאָמפּ און באַקומען חנוכּה־געלט. דעם זיידנס פּנים האָט געשיינט און ער האָט אונטערגעזונגען אַן אַלטן ניגון. ער האָט מיר אַ קניפּ געטאָן אין באַק און אַ שמייכלענדיקער האָט ער געזאָגט:

— נו, חומש־בחורל, ביסט געקומען נאָך חנוכּה־געלט, האַ?

— איך וויל אויך זען דעם חנוכּה־לאָמפּ און האַלטן דעם שמש *) (שאַמעס), האָב איך געזאָגט און צוגעהאַלטן מיט דער האַנט די באַקן, דער זיידע זאָל מיר ניט דערלאַנגען אַ קניפּ אין דער צווייטער באַק.

— ווילסט דאָך מיר פאַררײדן די ציין, כּדי דו זאָלסט קריגן אַ סך חנוכּה־געלט. ביסט דאָך גאָר אַ שייגעץ אַ יונג! נו, גוט, גוט, וועסט האַלטן דעם שמש.

*) ש מ ש הייסט דאָס ליכטל מיט וועלכן מען צינדט אָן יעדן חנוכּה־אָוונט די חנוכּה־ליכט.

פון דער אייבערשטער פּאָליצע פון דער הויכער ספרים־שאַפּע האָט דער זיידע אַרויסגענומען אַ פּעקל. ער האָט געעפנט דאָס פּעקל און זיך ברייטלעך אָוועקגעזעצט. מיט אַ טיכל האָט ער פּאָרזיכטיק גענומען פּוצן דעם חנוכּה־לאָמפּ. ער האָט לאַנג און פּאַמעלעך געפּוצט דעם לאָמפּ, ביז עס האָט גענומען גלאַנצן ווי אַ שפּיגל. איך האָב מיין פּנים צוגעבויגן צום חנוכּה־לאָמפּ און זיך אַליין געזען בעסער ווי אין שפּיגל ביי אונדז אין הויז.

פּאַרטיק מיטן פּוצן, האָט דער זיידע אויפגעהאָנגען דעם לאָמפּ אויף אַ נאָגל ביים פּענצטער. מיר האָט ער געגעבן האַלטן דעם שמש. ער האָט אָנגעגאָסן אין אַ רערל אַביסל ביימל פון אַ קריגעלע און זאָגנדיק די ברכות האָט ער אָנגעצונדן דאָס קנייטל. דאָס קנייטל האָט זיך צעברענט און אַ פריילעך פלעמל האָט באַלויכטן דעם חנוכּה־לאָמפּ.

דער זיידע איז אַרומגעגאַנגען איבערן שטוב, געקוקט אויף מיר און אונטערגעזונגען אַ ניגון. די באָבע האָט דערווייל אין קיך צוגע־גרייט לאַטקעס. ערשט ווען מען איז געזעסן ביים טיש און געגעסן די הייסע לאַטקעס, האָט דער זיידע מיר געגעבן חנוכּה־געלט.

אַזוי איז עס געווען אַלע יאָר.

— 2 —

דער זיידע איז געוואָרן אַלט. דער לאָמפּ איז אַריבער צו מיין פּאָטער, זיין זון, וואָס האָט, ווי דער זיידע, אָפּגעהיט דעם טייערן, זעלטענעם חנוכּה־לאָמפּ.

עס זיינען געקומען שווערע יאָרן. יאָרן פון מילחמה און נויט. אין שטוב ביי אונדז האָט געהערשט הונגער און טרויער. דער טאַטע איז אַרומגעגאַנגען אַ צעבראָכענער און געקרעכצט.

עס איז געקומען דער ערשטער טאָג חנוכּה. אַ גאַנצן טאָג האָב איך געוואַרט דער טאַטע זאָל עפענען די ספרים־שאַפּע, אַרויסנעמען דעם חנוכּה־לאָמפּ און עס אָפּפּוצן, ווי דער זיידע פלעגט עס טאָן דעם אָוונט פאַר חנוכּה.

דער טאַטע האָט אָבער די ספרים-שאַפע ניט געעפנט. איך האָב דעם טאַטן ניט דערקענט. ער איז געווען בלייך, טרויעריק און פאַר־זאָרגט מער ווי אַלע מאָל.

דער טאָג האָט שוין געהאַלטן ביים פאַרגיין. אין דרויסן איז גע־ווען אַ שטאַרקער פראָסט. אויף די פענצטער האָט דער פראָסט גע־מאָלן בלומען,ביימער, בלעטער. אין שטוב האָט זיך געטראָגן אַן אומעט פון ווינקל צו ווינקל. דער טאַטע האָט פון קיך אַריינגעטראָגן אין עס-צימער אַ קאַרטאָפל און צוויי חלבנע ליכטלעך. זיינע אויגן זיינען געווען פייכט. ער האָט געקוקט אויף דער מאַמען, אויף מיר.

— נו, מיר וועלן זיך גרייטן בענטשן חנוכה-ליכט, —האָט דער טאַטע געזאָגט און דאָס קול האָט זיך געשטיקט ביי אים אין האַלדז. מען קען זיך באַגיין אָן אַ חנוכה-לאָמפּ. ניט דער חנוכה-לאָמפּ איז דער עיקר, נאָר דער פּלאַם וואָס דערציילט דעם אַלטן יידישן נס.

— דו ביסט גערעכט, מיין מאַן, האָט די מאַמע אים געטרייסט.

עס וועלן נאָך קומען בעסערע צייטן. דער זילבערנער לאָמפּ וועט נאָך באַשיינען אונדזער הויז.

— דאָס ערשטע מאָל וואָס איך דאַרף צינדן חנוכּה־ליכטלעך אין קאַרטאָפּל, האָט דער טאַטע געזעגט, ווי צו זיך. ניט געקענט אויס־לייזן פון הערשל־דווידן דעם לאָמפּ, — ער האָט אויסגעשניטן אין דער קאַרטאָפּל אַ גריבל און אַריינגעשטעקט אַהין דאָס חלבנע ליכטל.

— 3 —

איך האָב געקענט הערשל־דווידן. אַלע אין שטאָט האָבן אים געקענט. ער האָט אויסגעבאָרגט געלט אויף משכּנות און ער האָט גענומען פּראָצענט. ער איז געווען אַן ערלעכער מאַן און אַלע זיינען צו אים געגאַנגען מיט פאַרשידענע זאַכן, פאַרזעצט זיי אויף אַ צייט און מיטן געבאָרגטן געלט דערווייל אַביסל זיך געהאָלפן.

איצטער, אין דעם חנוכּה פאַרנאַכט האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דער טאַטע האָט פאַרזעצט דעם טייערן חנוכּה־לאָמפּ ביי הערשל־דווידן.

איך האָב לאַנג ניט געטראַכט. איך בין אַרויס פון הויז.

די גאַס איז געווען באַדעקט מיט אַ בלויליך־זילבערנעם שניי. איך בין געלאָפן צו הערשל־דווידן. איך בין אַריין צו אים אין שטוב. עס איז דאָרט געווען וואַרעם. הערשל־דווידס הויכע געשטאַלט האָט זיך געוויגט איבער אַ מעשן חנוכּה־לעמפּל, ער האָט אין די רערלעך אָנגעגאָסן ביימל.

ער האָט זיך אויסגעדרייט צו מיר און שטיל געפרעגט:

— וואָס וועסטו זאָגן גוטס, ייִנגל?

— דער חנוכּה־לאָמפּ, האָב איך אַרויסגעשטאַמלט, דעם זיידנס חנוכּה־לאָמפּ.

— האָסטו געבראַכט דאָס געלט?

— ניין! מיר האָבן ניט היינט, אפשר נאָך חנוכּה. דער טאַטע דאַרף צינדן דאָס ערשטע חנוכּה־ליכטל.

— עס איז דאָך אַ משכּון! פאַרשטייסט!? איך האָב דיין טאַטן

געבאַרגט געלט. ער האָט דאָס לעמפּל איינגעלייגט ביי מיר. היינט ווי אַזוי קען איך עס דיר אַרויסגעבן?

— באַרגט אונדז אוים דאָס לעמפּל בלויז אויף די אַכט טעג חנוכּה. דער טאַטע און די מאַמע זיינען זייער באַזאָרגט. עס איז אַ פאַרשעמטער יום־טוב ביי אונדז אין שטוב.

איך האָב זיך צעוויינט.

— זאָגסטו מיר צו, אַז טאָמער וועט דיין טאַטע ניט האָבן דעם חוב צו באַצאָלן באַלד נאָך חנוכּה, וועסטו צוריקברענגען דאָס לעמפּל?

— איך... איך... האָב איך האַסטיק אויסגעשריען, — איך זאָג צו. איך וועל עס היטן...

ער איז צוגעגאַנגען צום קאַסטן און געעפנט אים מיט אַ גרויסן שליסל. ער האָט געזוכט אינעווייניק, אַרויסגענומען דעם פאַרפּאַקטן חנוכּה־לאָמפּ און מיר עס דערלאַנגט.

איך האָב קוים געקענט אַרויסריידן אַ דאַנק און האָב זיך געלאָזט צו דער טיר.

— וואַרט, בחור! האָב איך געהערט זיין קול.

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט. אַ שרעק איז מיר באַפאַלן, טאָמער האָט ער חרטה. זיין פּנים האָט געשמייכלט.

— קום צו נאָענטער, —האָט ער געזאָגט.

איך בין צוגעגאַנגען. ער האָט מיר אַ קניפּ געטאָן אין באַק, אַזוי ווי דער זיידע פלעגט טאָן. פון דער קעשענע פון זיין שלאַפראָק האָט ער אַרויסגענומען עטלעכע זילבערנע מטבעות.

— נאַ, חנוכּה־געלט, בחור.

איך האָב גענומען די עטלעכע מטבעות, און אין איין אָטעם בין איך געלאָפן אַהיים.

דער טאַטע האָט שוין געוואָלט אָנהייבן זאָגן די ברכות.

— מען האָט געוואַרט אויף דיר, האָט ער געזאָגט, — געוואַרט מיטן צינדן דאָס ערשטע ליכטל.

איך האָב גאָרניט געזאָגט. גיך, גיך האָב איך אויפגעדעקט דאָס פּעקל און דער שיינער חנוכּה־לאָמפּ האָט זיך באַוויזן פאַר אַלעמענס אויגן.

— דעם זיידנס חנוכּה־לאָמפּ, האָט די מאַמע אויסגערופן, — ווי אַזוי? מיר האָבן דאָך נאָך ניט אָפּגעגעבן הערשל־דווידן דעם חוב!

— ער האָט אויסגעבאָרגט ביז איבער חנוכּה, אויף די גאַנצע אַכט טעג. האָב איך געזאָגט און אַראָפּגעלאָזט פאַרשעמט דעם קאָפּ.

דער טאַטע האָט גענומען דעם לאָמפּ פון מיינע הענט און אים אויפ־געהאַנגען אויף אַ נאָגל ביים פענצטער, אַזוי ווי דער זיידע האָט זיך געפירט. ער האָט אָנגעגאָסן בוימל אין קריגל און פון קריגל אין ערשטן רערל אַריין. ער האָט אָנגעצונדן דאָס שמש־ליכטל. אויסגע־זונגען די בּרכות און אָנגעצונדן דאָס קנייטל און געקוקט אויף מיר. נאָכן אָפּזינגען די בּרכות האָט ער שטיל געזאָגט:

— אַ נס. ניט פאַרשעמט דעם יום־טוב אין הויז. ניט פאַרשעמט.

אויפן טישל אין דער קיך זיינען געלעגן פאַרשעמטע די קאַר־טאָפל מיט די חלבנע ליכטלעך.



דער לאַמטערן איבערן שניי

דעם ערשטן טאָג חנוכּה איז געפאַלן אַ געדיכטער שניי. נאָך האַלבן טאָג, ווען ייִדן האָבן זיך געגרייט צו צינדן דאָס ערשטע חנוכּה־ליכטל, איז דאָס גאַנצע שטעטל, מיט די הייזער, קראָמען, געסלעך, געוואָרן איינגעהילט אין אַ זילבער־בלוילעכן שניי־פּוך, אַז אַפילו די דראָזשקעס מיט די געשפּאַנטע פערד האָבן זיך קוים געקאָנט רירן פון אָרט.

אין חדר איז געווען גאָר פריילעך. מען האָט פרי פאַרענדיקט דאָס לערנען. ביי יעדן ייִנגל האָט געקלאַפּט דאָס האַרץ פון פרייד, וואָס עס דערוואַרט אים היינט אין דער היים: דער טאַטע וועט צינדן דאָס ערשטע ליכטל אין אַ שיינעם, פינקלענדיקן חנוכּה־לעמפּל; ער וועט זינגען דאָס געזאַנג פון חנוכּה, אויפן טיש וועט ליגן אַ ווייס טישטעך און די מאַמע וועט אין קיך צוגרייטן גוטע זאַכן צום עסן. דאָס בעסטע וועט ערשט קומען, דער טאַטע וועט געבן חנוכּה־געלט און מען וועט זיך אַוועקלאָזן איבער דער שטוב מיט די ברידער און שוועסטערלעך שפּילן אין דריידל.

בלויז איין ייִנגל אין חדר איז געווען פאַרזאָרגט. די אויגן זיינע האָבן געקוקט מיט טרויער און שרעק. דאָס איז געווען דער קליינער גאָדל. זיינע עלטערן האָבן געוואוינט הינטערן שטעטל, וואו זיי האָבן געהאַט אַ שפּייז־קראָם. גאָדל איז געווען טרויעריק דערפאַר, וואָס עס איז היינט אָנגעפאַלן אַזאַ טיפער שניי. טאָ ווי אַזוי וועט ער קאָנען אַהיימגיין? ער וועט דאָך ניט טרעפן דעם וועג, וואָס פירט צו זייער הויז.

אַן אַנדער טאָג, ווען עס טרעפט עפּעס אַ געשעעניש, וואָלטן אַלע ייִנגלעך אים באַגלייט אַהיים, ווייל, ערשטנס האָט ער אין די ווינטער־טעג מיט זיך אַ זעלטן שיינע לאַמטערנע, מיט קאָלירטע שייבעלעך: גרין, רויט, בלוי, געל. אינעווייניק ברענט אַ ווייס ליכטל, לייכט אַרויס דורך די שייבלעך און ווייזט דעם וועג פון חדר צו זייער קראָם.

צווייטנס, איז ביי גאָדלען אין הויז שטענדיק פריילעך: די הינער קוואָקען, די הענער קרייען, די קו מוקעט און דאָס שעפּסל טאַנצט און שפּרינגט. היינט אָבער האָט קיינער פון די ייִנגלעך אַפילו ניט געטראַכט צו באַגלייטן גאָדלען אַהיים, איבער דעם געדיכטן שניי, און עס איז דאָך עפּעס דער ערשטער טאָג חנוכּה.

זיינען זיך אַלע ייִנגלעך צעלאָפן אַהיים ווען עס איז נאָך געווען גרויסער טאָג. בלויז גאָדל איז געבליבן אין חדר. דער רבי האָט אים ניט געוואָלט אַהיימלאָזן אין אַזאַ שניי.

— דער טאַטע וועט נאָך דיר קומען —האָט אים דער רבי גע־טרייסט.— אַליין וועל איך דיך ניט אַהיימלאָזן, קאָנסט נאָך פאַר־בלאָנדזשען אין שניי.

— דער טאַטע וועט נאָך מיר היינט ניט קומען, —האָט גאָדל גע־זאָגט מיט אַ טרויעריק קול— ער איז אַוועקגעפאָרן אויפן יאַריד, ער וועט אַהיימקומען שפּעט.

— וועסטו דאָ איבערנעכטיקן, ביי מיר אין חדר.

— ניין, איך וויל זיין אין דער היים דעם ערשטן חנוכּה־אָוונט — האָט גאָדל זיך ניט געלאָזט איבעררייידן פון רבין.— דער טאַטע גיט מיר שטענדיק דעם ערשטן אָוונט חנוכּה־געלט. איך העלף אים אָפּפּוצן דעם מעשענעם חנוכּה־לאָמפּ מיט ווייסן קרייד, און איך האַלט דעם שמש!

— אין אַזאַ שניי קאָנסטו ניט אַרויסגיין פונדאַנען. דער טאַטע וועט נאָך דיר קומען, זאָרג ניט, —האָט דער רבי גערעדט צו אים מיט ליבשאַפט.

גאָדל האָט ניט געוואָלט הערן דעם רבינס רייד. ער האָט אָפּגע־וואַרט אַ מינוט ווען דער רבי איז אַריין אין דער אַנדערער שטוב, האָט ער געכאַפּט די לאַמטערנע און אַרויס פון הויז.

דער טאָג האָט שוין געהאַלטן ביים פאַרגיין. עס האָט אויפגע־

הערט שנייען. גאָדל האָט געטאַפּטשעט מיט דער לאַמטערנע אין שניי און געזוכט דעם היימישן וועג, וואו ער גייט יעדן טאָג פון חדר אַהיים.

די נאַכט איז פאַמעלעך צוגעפאַלן. אין הימל האָבן זיך שטערן געצונדן. די קאַלירטע ליכטער פון דער לאַמטערנע האָבן געטאַנצט איבערן שניי. דעם וועג אַהיים האָט גאָדל ניט געקענט געפינען. ער

האָט פאַרבלאָנדזשעט און אַריין ערגעץ אין אַ זייט, וואָס פירט צום וואַלד.

זיין האַרץ האָט האַסטיק געקלאַפּט. זיינע ליפּן האָבן געשעפּ-טשעט אַ געבעט צו גאָט, אַז ער זאָל אויף אים רחמנות האָבן, אים ווייזן דעם וועג אַהיים, ער זאָל נאָך אָנקומען אין צייט און האַלטן דעם שמש ביים ערשטן הנופה-ליכטל.

עס איז געווען אומהיימלעך שטיל. מען האָט קיינעם ניט געזען. אין הימל האָבן זיך שוין געצונדן פיל שטערן. פּלוצעם האָט ער גע־הערט אַ בילן פון הינט. גאָדל האָט געוואוסט, אַז עס בילן הינט איז אַ סימן, אַז ערגעץ נאָענט זיינען דאָ מענטשן. אַ פרייד האָט אָנגע־פילט זיין האַרץ. ער האָט זיך געלאָזט מיט דער לאַמטערנע פאָרויס, נאָענטער צום בילן פון די הינט. פון דער וויטנס האָט ער דערזען אַ פלעמל, וואָס טאַנצט אים אַנטקעגן און בלענדט אים די אויגן. זיין האַרץ האָט גענומען האַסטיקער קלאַפּן. דאָס פלעמל האָט זיך דער־נענטערט צו אים. איצטער האָט ער קלאָר געזען, אַז עס איז אויך אַ לאַמטערנע, וואָס וויגט זיך אין די הענט פון אַ מענטש.

— האָט רחמנות, גוטער מענטש! איך האָב פאַרבלאָנדזשעט,— האָט גאָדל אויסגערופן מיט אַ וויינענדיק קול.

דער מענטש איז צוגעקומען גאַר נאָענט. גאָדל האָט דערקענט— אַ ייד.

דער מאַן האָט אויפגעהויבן זיין לאַמטערנע איבער דעם יינגלס פנים.

— אַ יידיש יינגל, האַ?

— יאָ, —האָט גאָדל זיך צעכליפּעט— איך גיי פון חדר און איך האָב פאַרבלאָנדזשעט. דער טאַטע דאַרף צינדן דאָס ערשטע ליכטל!

— וועמענס ביסטו, יינגעלע? —האָט דער ייד געפרעגט מיט אַ ווייך קול.

— איך בין לייבקע דעם קרעמערס. דער טאַטע האָט דאָ אַ קראָם. פירט מיר אַהיים.

— לייבקע דעם קרעמערס? —האָט דער ייד געפרעגט.— איך גיי דאָך טאַקע צו לייבקע דעם קרעמער. איך גיי אַרום אין די דער־פער און קויף אויף פעלכלעך. איך האָב היינט געוואָלט אָנקומען אין אַ יידישער שטוב אַריין צום ערשטן חנוכּה־ליכטל, איז אָנגעפאַלן אַ שניי, שלעפּ איך זיך פון דאָרף אין שטאָט אַריין. האָב איך זיך דער־מאָנט, אַז דאָ ערגעץ נאָענט וואוינט דאָך לייבקע־קרעמער, וועל איך אָנשפּאַרן אין זיין הויז, הערן חנוכּה־ליכט־בענטשן, נאָך באַקומען אַ גוטע וועטשערע מיט פעטע לאַטקעס אַלס אַ צוגאָב.

זיי זיינען געגאַנגען אינעם טיפן שניי. איין פוס — אַריין, דעם

אַנדערן — אַרוים. נאָכן אָפּגיין אַ שטיק צייט, האָט גאָדל דערזען, אַז זיי זיינען טאַקע אָנגעקומען אַהיים.

— דאָס איז עס! —האָט דאָס יינגל אויסגעשריגן— קומט שנעל אַריין.

זיי זיינען אַריינגעקומען אין שטוב. אַלע האָבן זיך שטאַרק דער־פרייט, וואָס גאָדל איז אַהיימגעקומען. די מאַמע האָט אים געקושט, די שוועסטער און ברידער האָבן אים באַוואָרפן מיט פראַגן. גאָדל האָט שנעל דערציילט די אַלע געשעענישן, וואָס האָט אים געטראָפן זינט ער האָט פאַרלאָזט דאָס חדר און ווי אַזוי דער פרעמדער ייד האָט אים געראַטעוועט.

דער טאַטע האָט זיך שטאַרק דערפרייט מיט דעם וואַנדערער, וואָס וועט באַשיינען זיין הויז אינעם ערשטן חנוכּה־אָוונט.

דער ייד האָט אָוועקגעלייגט דאָס זעקל, געוואַשן זיך די הענט, געשטעלט זיך דאַוונען מעריב. אַזוי ווי ער האָט געענדיקט דאַוונען, האָט דער טאַטע אויסגערופן:

— עס איז צייט צו צינדן חנוכּה־ליכט!

לייבקע דער קרעמער איז צוגעגאַנגען צום פענצטער אויף וועלכן עס איז געשטאַנען דאָס גלאַנציקע מעשענע חנוכּה־לעמפּל.

— נו, גאָדל! —האָט ער געזאָגט— האַלט דעם שמש! עס איז אַ נס וואָס דו ביסט בשלום אַהיימגעקומען און האָסט נאָך געבראַכט אַן אורח, אַ ליבן גאַסט, צו באַשיינען דעם יום־טוב פון ערשטן חנוכּה־ליכטל!

ער האָט אָנגעצונדן דאָס ליכטל, געזונגען די ברכות. דער פרעמ־דער ייד האָט צוגעהאָלפן זינגען. נאָכדעם, ווען דאָס ליכטל האָט גע־האַט אויסגעברענט, האָט דער טאַטע געגעבן די קינדער חנוכּה־געלט, די מאַמע האָט געבאַקן לאַטקעס. אין שטוב איז געווען וואַרעם.

פון דעם טאָג אָן האָבן די חדר־יינגלעך געהאַלטן גאָדלען פאַר אַ העלד. יעדער פון זיי האָט פון היינט אָן געריסן זיך אים צו באַגלייטן אַהיים און האַלטן דעם קאַלירטן לאַמטערן אין האַנט.

דאָס געשטאַלט פון דעם פרעמדן ייד, דעם דאָרפסגייער, האָט דער קליינער גאָדל ניט פאַרגעסן. יעדן פאַרנאַכט ווען ער איז געגאַנ־גען פון חדר אַהיים, האָט ער אים געזוכט אויפן גאַנצן וועג. טאָמער, טאָמער וועט ער זיך ווידער באַווייזן.

אַ שלח-מנות טאַנץ

גאַנצענע טעג איז חיים-מאיר אַרומגעגאַנגען איבער די אָרעמע געסלעך פון דער שטאָט און געשפּילט אויף זיין שפּיל-קאַסטן פריי־לעכע ניגונים, ראָמאַנסן, ווינער וואַלסן און יידישע מעלאָדיעס. מענטשן האָבן ליב געהאַט צו הערן זיינע ניגונים.

אויף זיין שפּיל-קאַסטן איז געשטאַנען אַ קאָלירטער פּאָפּוגיי, וואָס האָט כאָרכלענדיק געשפּעט, גערעדט און אַרויסגעצויגן ווייסינקע צעטעלעך. אין די צעטעלעך איז פאַר יעדן געווען אָנגעשריבן זיין גליק און צוקונפט. אינמיטן קעסטל האָט אין אַ שטייגל אַרומגע־טאַנצט אַ ווייס מייזעלע און נאָר געוואָלט אַרויסלויפן פון איר קליי־נער היים.

זיין טעכטערל, די קליינע פּערעלע, האָט געקאָנט גוט טאַנצן. זי האָט זיך אָפּט צוגעהערט צו די מעלאָדיעס: די וויגנדיקע ווינער וואַלסן, אַמעריקאַנער טענץ, שטילע פאַרחלומטע טאַנגאָס און סתם פריילעכע ניגונים. צוהערנדיק צו דער מוזיק, האָבן זיך אירע פיסלעך ריטמיש געהויבן און גראַציעז געטאַנצט לויט דער מוזיק. אינעם אָרעמען שטיבל פון טאַטן מיט זיין טעכטערל איז געווען פריילעך און היימלעך...

אָונט צייט איז דער טאַטע אַהיים געקומען פון דער אַרבעט. ער האָט אַוועקגעשטעלט דעם שפּיל-קאַסטן אין אַ ווינקל פון שטוב, אָנגעקאָרמעט דעם בייזן פּאָפּוגיי און דאָס מייזל. פּערעלע האָט אי־בערגעדעקט דעם טיש מיט אַ ווייס טישטעך, אַזוי ווי די מאַמע פלעגט

טאָן ווען זי האָט נאָך געלעבט און געגרייט דעם טיש, געגעבן דעם טאַטן אָפּצועסן.

דעם טאַטן האָט שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס זיין טעכטערל מוז טאָן די שטוב־אַרבעט, און דערפאַר קאָן זי ניט גיין אין שול לערנען. ער האָט זי געטרייסט:

— טאָכטער, טייערע, מיין ליב קינד, אַז איך וועל נאָר אָנהייבן פאַרדינען אַביסל מער, וועסטו כסדר גיין אין שול. איך וועל דיר קויפן קליידלעך, שיך, אַ מאַנטל און נאָך שיינע זאַכן.

פּערעלע האָט פאַרנומען דעם טאַטנס רייד אין געוואַרט ביז עס וועט אים גיין בעסער.

אין די ווינטער־טעג האָט פּערעלע דורך דעם קליינעם פענצטער פון דער שטוב געזען ניט מער ווי שניי און אַ זילבער־בלויִלעכע ווייס־קייט, מיט פינקלענדיקע דימענטלעך, וואָס האָט צוגעדעקט דאָס געסל און אַלע הייזער אַרום.

ניט אַלע טאָג אין ווינטער האָט זי געקאָנט אַרויסקוקן דורך דעם פענצטער. דער פראָסט פלעגט אָנקומען און אויף די שייבלעך אויסמאָלן וואונדערלעך שיינע בלומען אוןביימער. דאָס אַלץ האָט פאַר אירע אויגן פאַרשטעלט דאָס געסל מיט די מענטשן און די הייזער אַרום.

טיילמאָל האָט פּערעלע זיך אָנגעטאָן איר געבלימלט קליידל, אַריינגערופן די חברטעס און געזאָגט:

— איר ווילט זען מיין נייעם טאַנץ? אָט זעט.

זי האָט זיך גענומען דרייען. איר פיגור האָט זיך גראַציעז באַוועגט. די פיסלעך האָבן ווי געשוועבט. זי האָט צוגעברומט די מעלאָדיעס פון טאַטנס שפּיל־קאַסטן. די חברטעס האָבן אָנגעקוואָלן און אין שטיבל איז ווידער געווען פריילעך.

אין די זומער־טעג פלעגט דער טאַטע זי מיטנעמען אין די נאָענטסטע שטעטלעך. ווען ער האָט געדרייט דאָס הענטל פונעם שפּיל־קאַסטן, האָט פּערעלע צוגעהאָלפן דעם פּאַפּוגיי אַרויסציען גורל־קוויטלעך, אַזוי אַרום צוגעהאָלפן דעם טאַטן אין זיין שווערער אַרבעט.

ס׳איז געווען פורים. די זון האָט אַריינגעשיינט אין שטיבל מיט וואַרעמקייט. פּערעלע האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביים פענצטער,

אַרויסגעקוקט אין געסל, ייִנגלעך מיט מיידלעך יום־טובדיק אָנגעטאָן, זייִנען געגאַנגען אייִלנדיק, יעדער פון זיי האָט עפּעס געהאַלטן אין האַנט: אַ קליין טעלערל באַדעקט מיט אַ ווייס טישטעכל. דאָרט זייִנען געלעגן גוטע זאַכן — האָט פּערעלע פאַרשטאַנען — ווייל מען האָט פון הינטער די טישטעכלעך אַרויסגעזען די רויטקייט פון אַן עפּל, די גאָלדענע פוכקע פולקייט פון צוקער־לעקעך, די פייכטע ברוינע גלאַנציקייט פון המן־טאַשן, צוקערלעך אין אַ סך קאָלירן...

פּערעלע האָט זיך דערמאָנט, ווען די מאַמע האָט געלעבט, האָט זי אויך געטראָגן שלח־מנות (שאַלאַך־מאָנעס) צו די פריינד פון טאַטע־מאַמע. עס איז אַ מיצווה — האָט איר דער טאַטע דערציילט — פּורים צו געבן מתנות און גוטע זאַכן איינער דעם אַנדערן. פּע־רעלע האָט אויך געדענקט, ווען מען האָט צו זיי געבראַכט מתנות און זיי האָבן צוריקגעשיקט. הייִנט זייִנען זיי אָרעם. דער טאַטע פאַרדינט ניט גענוג, אַז ער זאָל קאָנען שיקן פּערעלען מיט שלח־מנות צו פריינד.

עס איז געוואָרן אומעטיק. טרערן האָבן זיך איר געשטעלט אין די אויגן. זי האָט אַרויסגענומען איר איינציק קליידל, וואָס מיט די קאָרן־בלימעלעך, אָנגעטאָן עס און ווידער זיך אַוועקגעשטעלט אַרויסקוקן דורכן קליינעם פענצטערל אינעם געסל אַרויס.

פּלוצעם האָט זיך געעפנט די טיר. אַ ייִנגעלע מיט צעפּלאַמטע באַקן און פרייִלעכע, שוואַרצע אייגעלעך איז אַריין אין שטוב. ער האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, ווי ער וואָלט עפּעס אין גרויס אייִלעניש געזוכט און אַ געשריי געטאָן:

— מיין טאַטע און מיין מאַמע האָבן געשיקט שלח־מנות!

פּערעלע האָט פאַר גרויס פרייד קוים געקאָנט אַרויסריידן אַ וואָרט.

דאָס ייִנגעלע האָט דערווייל אַראָפּגענומען דאָס טישטעכל פון טעלערל און אויסגעשאָטן אויפן טיש די וואונדערלעכע זאַכן: פייגן, טייטלען, קיכלעך און אַ מאַראַנץ אין דער מיט.

האָט פּערעלע געקוקט מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ אויפן ייִנגעלע מיט זייִנע פאַרפּלאַמטע באַקן, אויף די גוטע זאַכן און ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן. זי האָט געוואוסט, אַז מען דאַרף צוריקגעבן שלח־מנות,

זי האָט אָבער ניט געהאַט אין שטוב גאָרניט פון די זאַכן, װאָס מען קאָן צוריקגעבן. האָט זי געטראַכט עטלעכע סעקונדעס. דאָס פּנים איז איר רויט און בלייך געװאָרן. זי האָט אַרויסגעשטאַמלט:

— יאָסעלע, װאַרט, איך װעל, אָבער אײדער זי האָט עפּעס געזאָגט, האָט יאָסעלע זיך צעלאַכט און געענטפערט:

— איך האָב ניט קיין צייט. איך מוז נאָך היינט טראָגן אַ סך שלח-מנות... — און ער איז אַרויס פון הויז.

װידער האָט זיך געעפנט די טיר. די קליינע צירעלע פונעם זעלביקן הויף איז אַריינגעקומען. איר קלינגענדיק שטימעלע האָט זיך צעזונגען אינעם שטיבל:

— דער טאַטע און די מאַמע האָבן געשיקט שלח-מנות!

זי האָט אַראָפּגענומען דאָס טישטעכל פון דעם טעלער, װאָס זי האָט געהאַלטן אין האַנט און איבערגעקערט אויפן טיש. עס האָט זיך באַװיזן אַ פּריש בערגעלע מיט קאָלירטע צוקערלעך, אַ שטיקעלע באָקסער, אַ המן-טאַש פול מיט האָניק און מאָן און אין דער מיט אַ רויטער, גלאַנציקער עפּל.

ביי פּערעלען האָט דאָס האַרץ האַסטיק געקלאַפּט. דאָס פּנים אירס איז געװאָרן רויטער פון רויט.

באַלד עפנט זיך װידער די טיר. עס קומט אַריין אַ ייִנגעלע מיט אַ צעיאַכמערט פּנים און רופט אויס:

— שלח-מנות!

פּערעלע האָט ביי אים צוגענומען דאָס טעלערל, אויסגעשאָטן אויפן טיש: ניס, מאַנדלען, ראָזשינקעס און אַ שטיקל שטרודל אין דער מיט.

האָט פּערעלע אָן אומרואיקע זיך אומגעקוקט אויף אַלע זייטן. געזוכט עפּעס מיט װאָס מכבד צו זיין די טייערע געסט. זי האָט גאָרניט געזען אין שטוב. זי האָט געטראַכט: אפשר נעמען עפּעס פון יעדן און צונויפשטעלן אַ טעלערל און צוריקשיקן דריי שלח-מנות? איז אָבער ניט שיין. אפשר זאָגן, װען דער טאַטע װעט קומען?... אפשר האָט דער טאַטע אַ שלעכטן טאָג היינט און ער װעט גאָרניט ברענגען. װאָס טוט מען?

זי האָט געטראַכט, געטראַכט און אַ געשריי געטאָן:

— איר ווייסט וואָס? איך קען אַ נייעם טאַנץ. גאָר אַ נייער. קיינער האָט עס נאָך ניט געזען.

זי האָט אירע הענטלעך פאַרלייגט ביי די זייטן פון איר טאַליע. די פיסלעך האָבן זיך גענומען דרייען אין אָנהייב פּאַמעלעך, נאָכדעם שנעל מיט ריטם. זי האָט פאַרמאַכט די אויגן, האָט צוגעזונגען צום טאַנץ און אַזוי אַ ווײַלע געטאַנצט פאַר אירע געסט.

די קינדער האָבן מיט פאַרפלאַמטע פּנימער זיך צוגעקוקט. זיי האָבן פאַרגעסן, אַז די צייט איז היינט ביי זיי טייער. זיי דאַרפן נאָך אַרומלויפן מיט שלח-מנותן.

ווען דער טאַטע איז פאַרנאַכט אַהיימגעקומען, האָט ער אויפן טיש געפונען אַ באַרג מיט די געשמאַקע זיסקייטן. ער האָט אַ פאַרוואונדעטער געקוקט אויף פערעלען.

— מען האָט אונדז היינט געבראַכט פיל שלח-מנות. עס איז דאָ געווען יאָסל, קיווע דעם בעקערס יינגל, צירל דעם שטריקמאַכערס טעכטערל און דווידל, פנחס שוסטערס יינגעלע.

— וואָס האָסטו זיי צוריקגעגעבן?, האָט דער טאַטע געפרעגט.

— איך האָב זיי צוריקגעגעבן אַ טאַנץ. אַ נייעם טאַנץ, טאַטע! איך האָב גאָרניט געהאַט אין שטוב עפּעס אַנדערש, האָט פערעלע געזאָגט אַ פאַרשעמטע.

— אַ נייעם טאַנץ, זאָגסטו? ווי הייסט דער טאַנץ?

פערעלע האָט אַ רגע געטראַכט און אויסגערופן:

— אַ שלח-מנות-טאַנץ!

דער טאַטע האָט אַרומגענומען זיין טייערע פערעלע און זי וואַרעם געקושט.

דאָס מוטיקע ייִנגל

א.

עס איז געווען צוויי טעג פאַר פּורים.

די ייִדן פונעם קליינעם אַראַבישן שטעטל אַגאַדיר, וואָס ליגט האַרט ביים ים, האָבן זיך געגרייט צום יום־טוב פּורים, געגרייט זיך אויסצוקלייבן אַ קעניגין אסתּר, אַ מרדכי און אַ המן און אויך באַזאָרגן די שטוב מיט אַביסל גוטע זאַכן פאַר שלח־מנות.

די זון וואָס שיינט דאָ אַ גאַנצן ווינטער, האָט דעם טאָג ניט געשיינט. דער הימל, וואָס איז דאָ שטענדיק בלוי, איז באַלד אין דעם פרימאָרגן געוואָרן פאַרוואָלקנט. פון די בערג איז אָנגעקומען אַ שטורעם־ווינט מיט אַ ווילדער קראַפט און בייזקייט. די כוואַליעס פון ים האָבן זיך געהויבן און אַרויסגעוואָרפן גאַנצע בערג מיט פיש, זשאַבעס און ווערעם.

אַ גאַנצן טאָג מיט אַ נאַכט אין אויך אויפן צווייטן טאָג האָט דער שטורעם־ווינט זיך געטראָגן מיט אַ ווילדער קראַפט, אויסגעריסן יונגע ביימלעך מיט די וואָרצלען, איבערגעקערט די ביידלעך אין די פעלדער, אין וועלכע עס וואוינען די וואַנדערנדיקע אַראַבער מיט זייערע אייזלען און קעמלען, שעפסן און הינט. מען האָט אין שטעטל נישט געקענט האַנדלען, ניט אַרויסגיין פון די שטיבער.

ב.

נ יסים בענסוסאָן, דער פריילעכסטער יינגל פון שטעטל אַגאַדיר, דער בעסטער שווימער, דער וואָס ווייס אַלע מעשׂהלעך פון די בערג און היילן אַרום שטעטל, איז היינט געווען זייער טרויעריק. ער איז געשטאַנען ביים קליינעם פענצטער פון דער שטוב און אַרויסגעקוקט אינעם טריבן דרויסן. אַן אַראַבער אין אַ לאַנגן כאַלאַט מיט אַ טורבאַן אויפן קאָפּ איז פאַרבייגעגאַנגען אין געסל, דער ווינט האָט אים אונטערגעטראָגן מיט אַ פייפעריי. ניסימס טאַטע האָט געזאָלט אַהיימקומען אויף פּורים און ברענגען אַביסל געלט צו קויפן די גוטע זאַכן



פאַר שלח־מנות. אָבער ווי אַזוי וועט ער קומען? ער קריכט אַרום איבער די אַראַבישע דערפער און קויפט אויף פעלעכלעך פון שעפסן. צוליבן שטורעם־ווינט און רעגן וועט ער ניט אַהיימקומען.

די מאַמע האָט געטרייסט ניסימען, אַז ביז מאָרגן, פּורים, וועט דער ווינט זיך איינשטילן. ניסים האָט אָבער געוואוסט, אַז עס איז ניט אַזוי. דער ווינט האַלט אַן אַ גאַנצע וואָך און אַמאָל לענגער. יעדעס

יאָר איז ניסים דער המן פון שטעטל. מרדכי זיצט אויפן אייזל און ער, ניסים, איז המן און פירט דעם אייזל איבער די געסלעך פון אַגאַ־דיר. קיינער פון די יינגלעך וויל ניט זיין קיין המן, אָבער ער, ניסים, לאַכט זיך אויס. ער זאָגט אַלע מאָל:

— איינער מוז דאָך זיין אַ המן.

מען לאַכט פון ניסימס חכמה און מען גיט אים גוטע זאַכן פאַר שלח־מנות. ניסים נעמט די אַלע גוטע זאַכן, אויך וואָס די מאַמע גיט אים: טייטלען, געטריקנטע פלעצלעך, רויטע פעפערס, מאַנדאַרינען אַזעלכע רויטע, פלאַמיקע און טראָגט דאָס אין די הייזער. ער גיט דאָס אויך די אַראַבישע יינגלעך און מיידלעך, ווייל יענע זיינען זייער אָרעם. דער הינקעדיקער מוסטאַפאַ וואוינט אין אַ ביידל אין פעלד, עס רעגנט דאָרט אַריין. מען קען קיינמאָל ניט אויפבלאָזן דעם פייער־טאָפּ. מוסטאַפאַס צוויי יינגלעך, אַכמעד און איזמאַעל, זיינען שטענ־דיק הונגעריק און נאַקעט. זיי וואַרטן אויף פּורים, ווען ניסים ברענגט זיי גוטע זאַכן צו עסן.

ג.

אַ גאַנצע נאַכט אויף פּורים האָט ניסים ניט געקענט איינ־שלאָפן. זיין מוח האָט געטראַכט און געטראַכט, ווי אַזוי מאָרגן צו קריגן גוטע זאַכן צו צעטיילן צו די אָרעמע יידישע און אַראַבישע יינגלעך. דער ווינט און רעגן האָבן ניט אויפגעהערט. אין דער פרי האָט ער זיך אַרויסגעכאַפּט פון דער שטוב און געלאָפן צום ים. דער ווינט האָט אים אונטערגעטראָגן ווי אַ בלאַט פון אַ בוים.

ביים ברעג ים האָט ער אָפּגעבונדן אַ פישער־שיפל און זיך אַ לאָז געטאָן איבער די וואַסערן. די כוואַליעס האָבן אים געהויבן אַרויף און אַראָפּ, ווי אַ שאָלעכץ פון אַ נוס. ער האָט געוואָלט כאַפּן פיש מיט זיין קליינער נעץ, וואָס ער האָט געהאַט אין שיפל. דער ים איז געווען בייז און ווילד, ניט צוגעזען דעם צער און טרויער פון דעם יידישן יינגעלע, וואָס וויל אַ פּאָר פישלעך, כדי צו צעטיילן שלח־מנות. איידער ער האָט נאָך באַוויזן צו פאַרוואַרפן די נעץ אין וואַסער,

האָט אַ ווילדע כוואַליע אַ הייב געטאָן דאָס שיפל און עס אַרויסגע־שליידערט אויפן ברעג צוזאַמען מיטן יינגל און זיין נעץ.

ד.

עס זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפן מענטשן, כּדי צו ראַטעווען דעם קליינעם ניסים, ער זאָל ניט דערטרונקען ווערן. מען האָט שוין געוואוסט אין אַגאַדיר, אַז ניסים האָט זיך געלאָזט אין ים פיש צו פאַנגען, פאַר שלח־מנות־וועגן, און דאָס איז אַ גרויסע מיצווה און גאָט באַשירעמט די מענטשן, וואָס ווילן טאָן גוטס איינער דעם אַנ־דערן...

מען האָט ניסימען אַ נאַסן, אַ ציטערדיקן געבראַכט אַהיים. די מאַמע האָט אים געטרייסט, אַז דער טאָג איז נאָך גרויס. דער טאַטע וועט נאָך קומען און ער, ניסים, וועט נאָך היינט טאָן צוויי גוטע זאַכן: צעטראָגן שלח־מנות איבער די שטיבער און אויך פירן מרדכין אויפן אייזל איבער די געסלעך פון שטעטל.

אין מיטן טאָג האָט דער רעגן אויפגעהערט.

אין די געסלעך האָבן יינגלעך און מיידלעך שוין אָנגעהויבן טראָגן שלח־מנות אין יידישע שטובן אַריין און אַרויס.

ה.

ניסים האָט שטיל אין זיך געבעטן גאָט, אַז ער זאָל דעם פּורים ניט פאַרשעמט ווערן פאַר זיינע חברים.

אין מיטן זיין געבעט, האָט זיך געעפנט די טיר און עס איז אַריינגעקומען דער טאַטע און געשלעפּט מיט זיך אַ ריזיקע פאַלמע־צווייג פול מיט האָניק־טייטלען. דער טאַטע האָט די צווייג מיט די שלאַנקע, לאַנגע בלעטער קוים אַריינגעטראָגן אין שטוב. ער האָט אַ פריילעכער דערציילט:

— איך האָב זיך געאיילט אַהיימצוקומען אויף פּורים, נאָר דער רעגן און ווינט האָבן געטריבן צוריק. איך האָב זיך אויפגעזעצט אויף אַן אייזל, געשלעפּט זיך אַ גאַנצן טאָג. דער אייזל איז געבליבן שטיין

און ניט געוואָלט זיך רירן. האָב איך זיך געשטאַרקט און גענומען גיין אינעם ווינט. ניט ווייט פון אונדזער שטעטל האָט דער ווינט אָפּגעבראָכן דעם צווייג פול מיט טייטלען, זאַפטיקע האָניק-טייטלען.

— דאָס וועט זיין פאַר שלח-מנות, האָט ניסים אויסגערופן אַ פריילעכער. —מען קען איינטיילן פאַר אַלע, פאַר שמואלן, מסעודן, אַכמעדן און איזמאַעלן, פאַר אַלע.

ניסים האָט אָפּגעריסן אַ באַרג מיט טייטלען און באַלד אַ זינגעוודיקער, אַ פריילעכער, זיך אַרויסגעלאָזט איבער די געסלעך. דער ווינט האָט אים אונטערגעטראָגן, געהאָלפן אים טאָן די מיצווה פון צעטיילן מתנות...

ניט געוואַלט שפּילן המן

דער פריילעכסטער טאָג פון אַ גאַנץ יאָר איז פאַר װעלװעלע „קאַטער" געװען דער טאָג פון פּורים.

װעלװעלע איז אױפגעצױגן געװאָרן —קען מען זאָגן— אין גאַס.

װען ער איז געגאַנגען אין זיבנטן יאָר, איז ער —ניט פאַר קײן שום קינד געדאַכט— געװאָרן אַ יתום און זײן ברעקעלע לעבן איז געװאָרן אױסגעשטעלט אױף רחמנות פון פרעמדע מענטשן און פון דער גאַס.

נאָכדעם װי װעלװעלע איז געבליבן אַלײן אױף גאָטס גרױסער װעלט, האָט ער זיך גענומען חברן מיט הינט, מיט קעץ, מיט ציגן, אַפילו מיט הינער און הענער האָט ער זיך באַפרײנדעט און געװאָרן מיט זײ אַ „גוטער ברודער". גאָר באַזונדערס האָט ער זיך באַפרײנדעט מיט אַ ברױנלעך געפלעקטן קאָטער פון ראובן בעקערס הױף.

געװען איז דאָס אין אײנער אַ קילער נאַכט, װען װעלװעלע איז געשלאָפן אין דער האָלץ-קאַמער פון ראובן בעקערס הױף. די לבנה האָט אַרײנגעזילבערט מיט בלױלעכער ליכט דורך די שפּאַרונעס פון די װענט פון דער קאַמער. װעלװעלע האָט זיך געקאַרטשעט פאַר קעלט, װאָס האָט זיך געטראָגן פון די דעמפּיקע װינקלען, דער װינט האָט געקעמט זײן לײב מיט אַ גלעטנדיקער שטײפקײט. פּלוצעם האָט ער געפילט, עפּעס װײכס, װאַרעמס לױפט איבער זײנע פיס. ער האָט זיך דערשראָקן, נאָך מער זיך אײנגעקאָרטשעט און באַלד האָט עפּעס אַ צאַרטע װאַרעמקײט גענומען פליסן צו אים אין די פיס אַרײן.

וועלוועלע האָט זיך אָנגענומען מיט מוט, אַ קוק געטאָן און דורך דעם בלוילעכן זילבער-ליכט פון דער לבנה, האָט ער געזען, אַז עס איז אַ חיהלע, אַ קאַץ, וואָס האָט זיך אַוועקגעלייגט ביי זיינע פיס און איינגעדרימלט.

וועלוועלעס מוח האָט געטראַכט און געקומען צום אויספיר, אַז אויך די קאַץ זוכט אַביסל וואַרעמקייט און איז געקומען זיך אָנוואַרעמען צו זיין לייב.

פון דעמאָלט אָן איז וועלוועלע געוואָרן גאָר באַפריינדעט מיט דעם ברוינלעך געפלעקטן קאָטער און וועלוועלען האָט מען אַ נאָמען געגעבן „קאָטער".

אַזוי ווי וועלוועלע איז געווען אויסגעשטעלט צום רחמנות פון לייטן, האָבן מענטשן אים אויסגענוצט, וויפיל עס האָט זיך געלאָזט. למשל: ביי ראובן בעקער, האָט וועלוועלע געהאָלפן אין דער בעקעריי; ביי אָשר גלעזער געהאָלפן פאַרקיטעווען שויבן; ביי יאָשע גאַרבער געהאָלפן ציען און שאָבן די האַרטע פעלן; ביי פישל אייזנהענדלער געהאָלפן שלעפן שטיקער אייזן און קוילערן פעסלעך סמאָלע; ביי חיה-ריבקה די שענקערין געהאָלפן אַוועקשטעלן אויפן שענקטיש לעבערלעך, הערינג, אייער און אויך געהאָלפן אָנטאָן אירע קינדער, פירן דעם יינגסטן יינגל אין חדר אַריין, ווייל חיה-ריבקה איז געווען אַן אַלמנה און מען האָט איר געדאַרפט צוהעלפן.

וועלוועלע „קאָטער" האָט אויך געהאָלפן נטע וואַסערטרעגער פלומפּען וואַסער פונעם שטאָטס-ברונעם; געהאָלפן יונה דראָזשקאָזש אָנטרינקען די פערד און געהאָלפן נתן דעם שמיד פונעם זעלבן געסל, ציען די שטריק פון דעם גרויסן לעדערנעם בלאָז-זאַק, כּדי דאָס פייער אין דער שמידעריי זאָל ניט אויסגעלאָשן ווערן.

מיט איין וואָרט: וועלוועלע האָט געהאַט אַ סך „מלאָכות" אין די הענט און איז געווען פאַרנומען יעדן טאָג פון דער וואָך און אַלע וואָכן פון אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר.

דאָס גאַנצע געסל האָט געהערט וועלוועלען און וועלוועלע — האָט געהערט צו דעם געסל.

צוויי טעג אין יאָר זיינען אָבער געווען, ווען וועלוועלע „קאָטער" האָט זיך באַפרייט פון די אַלע מלאָכות, פון די העלפערייען, און גע-

וואָרן אַ מענטש פאַר זיך. געגאָסן די פרייד פון יום־טוב פון זיין פריי, פון טאָן וואָס זיין האַרץ גלוסט.

די צוויי טעג זיינען געווען: פורים און דער טאָג נאָך פורים.

אין דעם טאָג פון פורים איז וועלוועלע „קאַטער" געווען גלייך מיט אַלעמען, מיט אַלע יינגלעך פון געסל, ווייל אין דעם טאָג פאַרשטעלט מען זיך, מען טוט אָן אויפן פנים אַ מאַסקע. קיינער דערקענט דעמאָלט ניט ווער דו ביסט. אין מאַסקעס אויפן פנים זעען דאָך אַלע מענטשן אויס גלייך, מען דערקענט ניט צי דאָס איז וועלוועלע „קאַטער", צי מאירל, בערל שניט־קרעמערס בן־יחידל, צי ברוך, לייזער דעם מילנערס ציטערדיק אייניקל, צי אַפילו סטאַשעק, דעם פאַבריקאַנט שטיינבערגס יינגל. אַלע זעען אויס אין די „מאַזשגאַרן" גלייך.

וואָלט דאָס געווען גוט און וואויל, איז אָבער געווען יעדעס יאָר אַ שטיקל קריגעריי, ביים פאַרשטעלן זיך, וואָס האָט פאַרביטערט וועלוועלען דעם יום־טוב:

די חברה פורים־שפּילער האָט געוואָלט, אַז וועלוועלע זאָל זיך פאַרשטעלן ווי המן און ער, וועלוועלע „קאַטער", זאָל שפּילן די ראָלע פון המנען. אויב ניט, וועט מען אים ניט אַריינגעמען אין שפּיל.

וועלוועלען האָט עס אין אָנהייב ניט געאַרט. זיי ווילן המן, זאָל זיין המן, אָבער ווען ער איז שוין אַלט געווען אַכט יאָר און ער האָט זיך נאָך אַלץ געדאַרפט פאַרשטעלן מיט אַ מאַסקע ווי המן, האָט עס אים גענומען פאַרדריסן:

— איך וויל ניט מער זיין פאַרשטעלט ווי המן! — האָט ער געזאָגט צו די אַנדערע יינגעלעך. איך וויל אויך איין מאָל שפּילן מרדכי הצדיק, אָדער חרבונה, אָדער...

— זעט נאָר וועלוועלען „קאַטער" — האָבן די יינגלעך געלאַכט — ער בריקעוועט זיך נאָך. ווילסט ניט, וועט מען נעמען אַן אַנדער המן! ער וויל נאָך ניט דער „קאַטער"!

וועלוועלעס פנים איז געוואָרן צונטער־רויט. זיין קערפּערל האָט געציטערט פאַר אויפרעגונג. ער האָט געשריגן:

— ניין! איך וויל טאַקע ניט! יעדעס יאָר מוז איך זיין המן!? פאַרוואָס איז ניט מאיר, אָדער ברוך, אָדער סטאַשעק? פאַרוואָס זיינט עטץ ניט המנס?

— וואָס, מיר זאָלן שפּילן המנען?, האָבן זיך די יינגלעך גענו־מען קאָכן.

— פאַרוואָס ניט? — איז וועלוועלעס קול געוואָרן העכער, און עפּעס אַ שטאָלץ האָט אים אַרומגענומען פון דעם אייגענעם מוט.

— וואָס פּאַסט אייך ניט? עס איז דאָך פּורים, עס איז דאָך ניט אויף אַן אמת. מען פאַרשטעלט זיך דאָך נאָר!

חברה איז געוואָרן אומגעדולדיק:

מ ג י ל ת ־ א ס ת ר

— ווילסט ניט שפּילן המנען, וועלוועלע „קאָטער", וועט מען געפינען אַן אַנדערן אויף דיין אָרט און דו וועסט בלייבן אַליין!

און אין דעם פּורים איז וועלוועלע געבליבן אַליין.

אַ גאַנצן טאָג האָט וועלוועלע געפּלאָנעוועט פּלענער, ווי אַזוי אָפּצולערנען די אַנדערע יינגלעך: אַליין זיך פאַרשטעלן, אַליין גיין איבער די שטובן, זינגען אַ לידל, אָנהויבן מיט „היינט איז פּורים מאָרגן איז אויס", נאָכדעם זינגען אַנדערע שטיקלעך. ער האָט גע־

וואָלט היינט זיך פאַרשטעלן פאַר מרדכי הצדיק. ער האָט געוואוסט, ווי אַזוי ער דאַרף אָפּשפּילן מרדכין, אַז אַלע זאָלן זען, אַז דאָס איז מרדכי הצדיק, וואָס איז געזעסן ביים טויער פון קעניג אחשורוש.

אָבער צו שפּילן מרדכין דאַרף מען האָבן אַ באָרד, פּיאות, אַ היטל, אַ גאַרטל און וועלוועלע האָט די אַלע זאַכן ניט געהאַט.

ער איז געווען פאַרצווייפלט און דאָ שטייט ניט דער טאָג. עס איז קאַלט, עס שנייט, מען טראָגט שוין שלח־מנות איינער צום אַנדערן. ער, וועלוול, האָט זיך אָפּגעזאָגט היינט צו טראָגן שלח־מנות, וועט ער ניט פאַרדינען די פּאָר גראָשן. ער האָט היינט וועגן בילכערע זאַכן צו טראַכטן.

עס איז שוין געווען פאַרנאַכט: חשובע באַלעבאַטים האָבן זיך שוין געגרייט צו דער פּורים־סעודה, די ווייבער זיינען שוין געווען אויסגעפּוצט אין יום־טובדיקע קליידער, אויף די טישן זיינען שוין אָנגעשטעלט אַלע גוטע זאַכן צו עסן און צו טרינקען די פּורים־שפּילער זיינען זיך שוין צוזאַמענגעקומען, אָנגעטאָן די מאַסקעס, אַריינגעקראָכן אין די אַלטע קליידער פון די טאַטעס און מאַמעס.

וועלוועלע איז שנעל געפאַלן אויף אַ פּלאַן: ער איז אַריין צו ראובן בעקער, ער איז צו צום אויוון, מיט די פינגער גענומען סאַזשע, איינגעשמירט זיך די גאָמבע, די ליפּן, איבער די באַקן. עס זאָל הייסן באָרד און פּיאות. ער האָט איבערגעדרייט דאָס היטל, איבערגעדרייט זיך דאָס אָפּגעריסענע קאַפּאָטקעלע און געלאָזט זיך אַרויס אין גאַס שפּילן מרדכי הצדיק.

ער האָט אַפילו ניט אויסגעזען אַזוי מאַיעסטעטיש ווי אין דער מגילה, אָבער ער איז פאַרט געווען אַ מרדכי, וואָס איז געוואָרן אַן איינגייער אין קעניגס הויף.

עס איז געפאַלן אַ נאַסער שניי, געפאַלן איבער וועלוועלעס פאַרסאַזשעטן, פאַרשוואַרצטן פּנים און עס איז אים געראָנען ריטשקעלעך פּייכטע סאַזשע איבערן האַלדז.

ער איז אַריינגעקומען אין יידישע שטובן איינער אַליין. אַ מרדכי הצדיק אָן אַ המן, אָן אַ קעניג, אָן אַפילו דעם קעניגס דינער. ער האָט געמאַכט אַ פרומען פּנים, וואָס איז געווען נאָס און אויסגעשמירט, אַז עס האָט זיך אַלעמען געגלוסט צו לאַכן און ער האָט געשפּילט

מרדכין, ווי עס געהער צו זיין, ווי אַ קינסטלער אין זיין איינשטודירטער ראָלע.

וועלוועלע „קאַטער" האָט אויסגעפירט דאָס זייניקע. ער האָט מער ניט געשפּילט פאַר המן־הרשע (האַראַשע).

די יינגלעך פון געסל האָבן זיך גלייך דערוואוסט, וועגן וועלוועלעס אויפטריט ווי מרדכי הצדיק, ווי ער האָט איינער אַליין זיך פאַרשטעלט און איינער אַליין געגאַנגען איבער יידישע שטובן, האָבן זיי אויף אים גענומען קוקן ווי אויף אַ העלד און האָבן צומאָרגנס נאָך פּורים אים צוגעזאָגט, אַז איבעראַיאָר וועט ער שוין שפּילן מרדכין צוזאַמען מיט זיי.

און וועלוועלע איז פון יענעם פּורים אָן געוואָרן שטאָלצער און זיכערער ביי זיך. ער האָט העלדיש געוואונען זיין קאַמף.

ווער האָט געפרעגט די פיר קשיות?

צווישן פעלדער און גערטנער, ניט ווייט פון שטאָט, האָט גע־וואוינט אַ ייד מיטן נאָמען וואָלף־בער און זיין ווייב חנה.

זיי זיינען געווען גוטע און פרומע מענטשן. פון זייער הויז זיינען אָרעמע־לייט קיינמאָל ניט אַוועק הונגעריק. מידע וואַנדערער, דאָרפּס־גייער, האָבן זיך דאָרט געקענט אָפּרוען ווי לאַנג זיי האָבן נאָר גע־וואָלט.

וואָלף־בער און חנה זיינען געווען אַליין. די קינדער זייערע זיי־נען זיך צעפאָרן אין די גרויסע שטעט, אין ווייטע לענדער.

אַ גאַנצן יאָר האָט וואָלף־בער זיך פאַרנומען מיט זיין אַרבעט פון שמידן פערד און מאַכן רעדער פאַר די וועגענער פון די פּויערים פון די דערפער אַרום, און חנה האָט אויפגעפּאַסט אויף די בייטן און בלומען פון גאָרטן אַרום הויז.

יעדעס מאָל, ווי נאָר עס פלעגט זיך דערנענטערן דער יום־טוב פּסח, פלעגט זיך אין וואָלף־בערן און חנהן באַזעצן אַן אומרואיקייט. זיי האָבן זיך פונקט ווי אַלע יידן געגרייט צום שיינעם יום־טוב. נאָר זיי האָבן זיך געפילט אַביסל אומרואיק און טרויעריק, ווייל זיי האָבן ניט געהאַט ווער עס זאָל ביים סדר פרעגן די פיר קשיות.

געמאַכט האָט זיך אַלע מאָל אַז וואָלף־בער פלעגט געפינען אַ וואַנדערנדיקן יידן, וואָס האָט פאַרשפּעטיקט אַהיים צו פאָרן, אָדער אַן אָרעמאַן, וואָס האָט ניט געהאַט וואו אָפּצופּראַווען דעם סדר. אָבער ניט שטענדיק האָט עס וואָלף־בערן אָפּגעגליקט צו געפינען אַן אורח אויף פּסח.

איין מאָל איז געווען אַ שווערער ווינטער. די שטאָט איז לאַנגע חדשים געלעגן איינגעשמידט אין אַ טיפן שניי און אַ קנאַקעדיקער פראָסט האָט געברענט, אַזש די דעכער האָבן געפּלאַצט. צווישן פּורים און פּסח האָט דער פראָסט נאָכגעלאָזט און די הורבעס שניי זיינען צעגאַנגען אונטער דער פרילינג־זון.

פון דעם צעגאַנגענעם שניי זיינען אָנגעקומען פאַרפלייצונגען. די וואַסערן האָבן זיך געריסן פון די בערג, פון די איבערגעלאָפענע טייכן און האָבן פאַרפלייצט די וועגן און שטעגן, די פעלדער און גאַסן. עס איז שוין געווען ערב־פּסח און די פאַרפלייצונג האָט נאָך אַלץ אָנגעהאַלטן.

וואָלף־בער און חנה זיינען געווען פאַרזאָרגט, ווי וועלן זיי היינט געפינען אַן אורח צום סדר? ווער וועט אין אַזעלכע טעג אָנקומען אין שטאָט אריין?

ביים דאַווענען אין בית־המדרש האָט וואָלף־בער געזוכט מיט די אויגן אַ פרעמדן ייד, וואָס ער זאָל נעמען צו זיך אין הויז, אָבער ער האָט אָנגעטראָפן בלויז היימישע פּנימער. קיין איין פרעמדער ייד איז היינט אין בית־המדרש ניט געווען. איז וואָלף־בער מיט אַ שווער האַרץ געגאַנגען אַהיים און זיך געגרייט אָפּצוריכטן דעם סדר און אַליין פרעגן די פיר קשיות.

דער טיש איז געווען געדעקט מיט אַלדאָס גוטס; די זילבערנע און גלעזערנע בעכערלעך האָבן געגלאַנצט; דער רויטער ווייַן אין דער פלאַש האָט זיך געבעטן: „טרינק מיך!” און די ליכט אין די זילבערנע לייכטער האָבן באַלויכטן דעם עס־צימער.

וואָלף־בער און זיין ווייב חנה זיינען געווען אויסגעפּוצט אין יום־טובדיקע קליידער. בייביידן זיינען די פּנימער געווען פאַרצויגן מיט אַ לייכטן טרויער צוליב דעם וואָס זיי האָבן ניט די קינדער און ניט קיין אורח ביים טיש צו דער פּסחדיקער סעודה.

וואָלף־בער האָט זיך געזעצט צום טיש און חנה האָט אָנגעגאָסן די כּוסות מיט וויין. פּלוצעם האָט זיך געהערט אַ קלאַפּ אין טיר. מאַן און ווייב האָבן זיך איבערגעקוקט מיט שרעק און האָפענונג. די טיר האָט זיך ברייט געעפנט און עס האָט זיך געהערט אַ פריילעכער אויסגעשריי:

— גוט יום-טוב, יידן!

וואָלף-בער און חנה האָבן קוים זייערע אויגן געגלויבט. פאַר זיי איז געשטאַנען אַ ייד, מיט פריילעכע אויגן, און אַ שמייכלענדיק פּנים, מיט אַ קלומיקל אין איין האַנט און די אַנדערע האַנט האָט ער אויס-געשטרעקט צו זיי מיט אַ ברייטן שלום-עליכם.

וואָלף-בער און חנה זיינען אַנטקעגנגעגאַנגען דעם גאַסט, צוגע-נומען פון אים דאָס קלומיקל און צו אים געזאָגט מיט אַ פריידיק קול:

— אַן אַנגעלייגטער גאַסט, רב ייד! גאָט האָט אייך צגעשיקט אין צייט, וואַשט זיך די הענט און קומט צום טיש אָפּריכטן דעם סדר!

— דער וועג האָט מיך געפירט צו אַ יידיש הויז. צוליב דעם שלעכטן וועטער און די פאַרפּלייצעניש, האָב איך ניט געקענט אָנ-קומען אַהיים, וועל איך ביי אייך אָפּריכטן דעם ערשטן סדר!

אַלע האָבן זיך געזעצט צום טיש. וואָלף-בער האָט אָנגעהויבן זאָגן: כל דכפין, דאָס הייסט: יעדער הונגעריקער זאָל קומען צום טיש און עסן; חנה האָט פרום אַריינגעקוקט אין דער הגדה, און דער פרעמדער האָט געזאָגט די ווערטער מיט אַזאַ שיין געזאַנג, אַז עס האָט זיך מאַן און ווייב אויסגעדאַכט, אַז דאָס שטיבל איז פול מיט זיסע קלאַנגען.

דער פרעמדער האָט געפרעגט די פיר קשיות און וואָלף-בער האָט געענטפערט מיט דעם ניגון פון דער הגדה. נאָך דעם האָט חנה צוגעטראָגן צום טיש די געשמאַקע פּסחדיקע שפייזן.

פאַר גרוים פרייד, וואָס זיי האָבן אַן אורח אויף פּסח, האָבן וואָלף-בער און חנה געטרונקען אַ סך וויין און זיי זיינען איינגעשלאָפןביים טיש נאָך איידער זיי האָבן געעפנט די טיר פאַר אליהו-הנביא.

אינעם שלאָף האָט זיךביידן געחלומט, אַז אליהו-הנביא האָט זיך באַוויזן אין זייער הויז און צוגעזאָגט, אַז פון היינט אָן וועט שוין קיין מאָל ניט פאַרפעלן ביי זייער טיש אַן אורח, און שטענדיק וועט דער טיש זיין געגרייט מיט אַלדאָס גוטס.

די ערשטע האָט זיך אויפגעכאַפּט חנה. זי האָט ניט געזען דעם אורח ביים טיש. זי האָט אויפגעוועקט איר מאַן. זיי האָבן זיך ביידע געוואונדערט וואו דער פרעמדער ייד איז אַהינגעקומען.

וואָלף-בער האָט געעפנט די טיר און איז אַרויס אויפן הויף זוכן

דעם פרעמדן יידן, אָבער ער האָט קיינעם ניט געזען. ער איז צוריק אַריין אין שטוב. די שטוב איז נאָך געווען פול מיט געזאַנג פון דעם פרעמדנס זינגען. אויך דאָס קלומיקל איז דאָ געווען. חנה האָט עס מיט ציטערדיקע פינגער געעפנט. עס איז געווען ליידיק, בלויז אויף אַ שטיקל פּאַפּיר איז געווען אָנגעשריבן איין וואָרט: „ביטחון" (האָפענונג).

מאַן און ווייב האָבן זיך שטום אָנגעקוקט, זייערע אויגן זיינען געווען פול מיט פרייד און דער פולער בעכער וויין אויפן טיש פאַר אליהו-הנביאס וועגן האָט צו זיי סודותדיק געשמייכלט.



די קערה (טעלער) צום סדר פון פסח

לייבל און עדי בויען אַ שיף

דער קליינער לייבל מיט די פאַרחלומטע אויגן, האָט זיך געגרייט צו בויען אַ שיף, וואָס זאָל קענען פירן יידן איבערן ים.

איינגעפאַלן איז אים דער געדאַנק, ווען ער האָט אין דער יידישער שול געהערט דעם לערער דערציילן, אַז אין עגיפּטן ווערן יידן שלעכט באַהאַנדלט, און זיי מוזן פאַרלאָזן דאָס לאַנד אין גיכן, מען נעמט ביי זיי צו די פאַרמעגנס און מען טרייבט זיי אַרויס. עס האָט זיך לייבלען דערמאָנט די וואונדערלעכע מעשה פון די יידן אַמאָל, ווען זיי זיינען געווען פאַרשקלאַפט ביי די שלעכטע, ביטערע הערשער אין מצרים. עס איז געקומען דער מאַן משה און האָט באַפרייט די יידן פון די עגיפּטישע הערשער.

די געשיכטע ווי אַזוי די יידן זיינען דעמאָלט אַרויס פון עגיפּטן און דורכגעגאַנגען די שטורעמדיקע וואַסערן פון ים, וואָס האָבן זיך געלייגט צו די פיס פון די באַפרייטע יידן ווי שטילע לעמער — האָט ער געהערט פאַראַיאָרן ביים סדר. לייבל האָט אויך געוואוסט, אַז אַזוי שטייט פאַרשריבן אין דער הגדה, וואָס שילדערט דעם גאַנג פון די באַפרייטע יידן אין די טיפענישן פון ים.

ער האָט ניט געקענט פאַרשטיין, ווי אַזוי גייען לעבעדיקע מענטשן מיילן־ווייט אין ים. אָבער, אַז אַזוי שטייט אין דער הגדה — דאַרף מען גלויבן. ער, לייבל, קען גוט דעם ים. אין די זומערן פאַרברענגט ער זיין וואַקאַציע לעבן אַטלאַנטישן ים, ער כאַפּט דאָרט אַ שווים און די ים־כוואַליעס שפּילן זיך מיט אים, שטויסן אים אָפּ, וואַרפן

אים אַרויף און אַראָפּ, ווי אַ פּילקע. מער ווי עטלעכע יאָרד קען מען אין ים ניט גיין. דעריבער איז בעסער צו האָבן שיפן פאַר די יידן, וואָס גייען היינט פאַרלאָזן עגיפּטן.

לייבל האָט לאַנג ניט געטראַכט און דעם זעלבן טאָג זיך פאַרטרויט פאַר זיין חבר עדי, וואָס ער וויל טאָן:

— עדי, מיר וועלן בויען אַ שיף אַרויסצופירן די יידן פון עגיפּטן.

עדי האָט אויסגעהערט לייבלס פּלאַן און צוגעשטימט:

— מען וועט בויען אַ שיף און טאָקע אַ גרויסע, אַ שיינע.

ביידע יינגלעך האָבן זיך נאָך דעם זעלבן טאָג גענומען צו דער אַרבעט מיט גרויס פלייס.

זיי האָבן צוזאַמענגעשלעפּט האָלץ, אייזנס, רעדער, עלעקטרישע באַטעריעס און גענומען בויען.

עדי, וואָס האָט זיך גערעכנט פאַר אַ מעכאַניקער, ווייל ער האָט יעדן טאָג געמאַכט הייזער, גאַראַזשן, מאַשינען, האָט געלאָזט וויסן לייבלען, אַז די שיף וואָס זיי בויען וועט קענען אַריינגעמען צען מענטשן.

— ווען מיר וועלן פאַרטיק האָבן אינגאַנצן די ערשטע שיף, וועט מען נאָך בויען, האָבן זיך די אויגן ביי לייבלען צעצונדן, מען וועט אַרויסראַטעווען יידן וויפל עס וועט זיך נאָר לאָזן.

געבויט האָבן זיי די שיף אויפן בוידעם איבערן טאַטנס גאַראַזש.

לייבלס טאַטע איז גראָד אָנגעקומען אינמיטן ווען די צוויי יינגלעך זיינען געווען פאַרקאָכט אין דער אַרבעט. לייבל האָט געפּיילט אַן אייזן, עדי האָט געזעגט אַ שטיק האָלץ. זיי האָבן שוין אַפילו געהאָט אָנגעצויגן שטיקער לייוונט אויף אַ זעגל.

— וואָס טוט איר, קינדער?, האָט דער טאַטע געפרעגט.

— מיר בויען אַ שיף, טאַטע, האָט לייבל געענטפערט.

— אַ שיף? צו וואָס? וואָס וועט איר טאָן מיט אַ שיף אין גאַראַזש?

—איך האָב געהערט אין שול און אויף דער ראַדיאָ, האָט לייבל געזאָגט מיט שטאָלץ, און עדי האָט אים צוגעהאָלפן, אַז מען טרייבט אַרויס יידן פון עגיפּטן, אַזוי ווי אַמאָל, אַזוי ווי עס שטייט אין דער הגדה, אַזוי ווי די בילדער אין דער הגדה דערציילן, און אַזוי ווי דו,

טאַטע, דערציילסט ביים סדר. ווילן מיר בויען אַ שיף פאַר די יידן, וואָס דאַרפן זיך לאָזן איבערן ים.

— און אונדזער שיף וועט זיין פאַרטיק נאָך פאַר פסח, האָט עדי צוגעגעבן.

— איר טוט אַ גוטע זאַך, קינדער, האָט דער טאַטע, אַ גערירטער, געזאָגט. עס איז זייער שיין פון אייך וואָס איר ווילט העלפן די יידן פון עגיפּטן, איבערהויפּט דאַרף מען העלפן מענטשן, ווען זיי געפינען זיך אין אַ נויט. די יידן גייען היינט אַרויס פון עגיפּטן אויך אויף אַעראָפּלאַנען און אין באַנען.

לייבל האָט זיך פאַרטראַכט. זיינע בלויע אויגן האָבן געקוקט אין דער ווייט. ער האָט זיך ווייטער גענומען פיילן דאָס אייזן, געטראַכט און אַ זאָג געטאָן צום טאַטן:

— אונדזער שיף וועט אויך צונוץ קומען. ווי נאָר זי וועט זיין פאַרטיק, וועט זי פירן יידן פון עגיפּטן. נאָך דער שיף וועלן מיר בויען נאָך איינע און נאָך און נאָך.

דער טאַטע האָט זיי מער ניט געשטערט אין דער אַרבעט. די יינגלעך האָבן מיט אַ פלאַמיקער פרייד געזעגט, געפיילט, געקלאַפּט, געהאַמערט און גערעדט פון די מעשׂות אין דער הגדה און פון העלפן אַנדערע. די שיף איז מיט יעדן טאָג געוואָרן שענער, אַז די יינגלעך האָבן זיך קוים אַליין געקענט אָפּוואונדערן פון דעם, וואָס זיי שאַפן מיט די אייגענע הענט.

דער פאַרלוירענער בעכער

א.

אין דער קליינער פאַרם, וואָס ליגט אינעם טאָל, וואוינט די משפחה גרינוואַלד.

די פאַרם איז אַרומגערינגלט מיט נידעריקע בערג. ווינטער ווערן זיי איינגעהילט אין אַ זילבער-בלויליכן שניי, און זיי זעען אויס ווי איינגעשמידטע זילבער-פּיראַמידן; זומער ווערן זיי צוגעדעקט מיט אַ סאַמעטדיקן גרין, מיט אַ זוניקן גאָלד און זעען אויס ווי קאָלירקע טעפּיכער.

די גרינוואַלדס מיט זייער ייִנגעלע גאָדל, וואוינען אויף דער פאַרם ערשט אַ קורצע צייט. זיי האָבן זיך דאָ באַזעצט אין אָנהייב ווינטער. ווען גאָדל איז אַלט געוואָרן אַכט יאָר. געקומען זיינען זיי פון אַ גרויסער שטאָט און באַלד ביים אַריינציען זיך אין דער פאַרם, האָבן זיך פאַר גאָדלען אָנגעהויבן אַנטפּלעקן וועלטן מיט וואונדערס: קוואַקעדיקע הינער אין יעדן ווינקל פון הויף, אַ קעלבל, וואָס שפּרינגט און מאַכט פריילעכע שטיק, דער הונט העפּי, וואָס לויפט אַרום מיט אַן אויסגעשטרעקטער צונג. די הויפּטזאַך אָבער איז, דעני, גאָדלס נייער חבר, וואָס וואוינט מיט זיינע עלטערן, די קליינמאַנס, אין אַ פאַרם, ניט ווייט אויף אַ באַרג.

ביידע חברים גייען אינאיינעם אין שול. דער אויטאָבוס פאַרפאָרט יעדן פרימאָרגן און קלייבט צונויף די חברה און ברענגט זיי אין שול אַריין.

ב.

אוואָך פאַר פסח, איז איינמאָל גאָדל געקומען אַהיים צו לויפן אַ פאַרסאַפּעטער.

— טאַטע!, האָט ער אויסגערופן, דעני האָט מיר געזאָגט, אַז זיין פאָטער, מיסטער קליינמאַן, לאַדט אונדז איין צו זיי אין הויז צום ערשטן סדר!

— זייער גוט, האָט דער טאַטע געשמייכלט, וואָרים שכנים. זאָג דעניק, אַז מיר לאַדן זיי איין צום צווייטן סדר בײַ אונדז אין הויז.

גאָדל, אַ צופרידענער פון דעם וואָס דאַרף פאַרקומען, האָט נאָך דעם זעלבן טאָג איבערגעגעבן דענין די בשורה.

— איך וועל דיר ווייזן שיינע זאַכן, ווען דו וועסט זיין בײַ אונדז, באַרימט זיך דעני פאַר גאָדלען, אַ ביקס, מיט וועלכער דער טאַטע גייט אין די בערג כאַפּן פייגל. איך וועל דיר ווייזן מיינע ווייסע און געלע העזלעך, וואָס איך האַלט אין אַ גרויסער שטייג. אויך אונדזער נייעם הינער-שטייג, וועסט אויך זען מיינע טויבן, אין אַ רויטן טויבן-שלאַג האַלט איך זיי.

— מיר האָבן דאָס אַלץ ניט, שלאָגט אים איבער גאָדל און קען קוים כאַפּן דעם אָטעם פון די אַלע גוטע זאַכן, וואָס דעני האָט דאָ אויסגערעכנט.

— ווען דיין טאַטע וועט זיין אַזוי לאַנג אויף אַ פאַרם, ווי מיר זיינען, — טרייסט אים דעני, — וועט איר אויך האָבן די אַלע זאַכן.

גאָדל פאַרטראַכט זיך און זאָגט שטיל:

— און איך וועל דיר אויך...

ער האָט ניט פאַרענדיקט זאָגן וואָס, גאָדל. אַ טרויער האָט אים אַרומגענומען. אַהיים איז ער געגאַנגען אַ פאַרזאָרגטער: יאָ, מיט וואָס וועט ער זיך טאַקע באַווייזן פאַר דענין? בײַ זיי אין הויז איז נאָך גאָרנישטאָ. דער טאַטע האָט ניט גענוג געלט איינצוקויפן דאָס נייטיקע פאַרן פאַרם, די מאַמע איז פאַרנומען מיט דער שטוב, רייניקט און פוצט פאַר יום-טוב.

באַלד איז אים אַ גליקלעכער געדאַנק אַדורך אין קאָפּ: אליהו-הנביאס בעכער. ער האָט פאַר גרוים פרייד אַזש אויסגעשריגן: „אליהו-הנביאס בעכער“!

ער האָט זיך דערמאָנט אין דעם שיינעם בעכער. וואָס שטייט יעדעס מאָל אויפן טיש ביים סדר, אַ זילבערנער, אַ שיינענדיקער און פינקלט קעגנאיבער דער שיין פון די לאָמפּן. ער שטייט אויף אַ פּיסל פול מיט רויטן ווייך, וואָס שוימט אַריבער און וואַרט ביז אליהו-הנביא וועט אַריינקומען אין שטוב. עס זיינען אויף אים אויסגעקריצט בילדער, פיגורלעך. דער טאַטע זאָגט, אַז דאָס איז אויסגעקריצט די געשיכטע, ווי אַזוי די יידן זיינען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, זיי זיינען אַריין אין אַ ים, וואָס האָט זיך געשפּאָלטן אין צווייען און גע־גאַנגען אין דער ים-טיפעניש, ווי אויף דער טרוקענער ערד, נאָכדעם זיינען זיי אַרוים און געוואַנדערט אין אַ מידבר...

ער, גאָדל, עפּנט יעדעס יאָר די טיר און אליהו-הנביא קומט אַריין, גיט אַ זופּ דעם ווייך פונעם בעכער און בענטשט דעם טאַטן, דער מאַמען, אים, גאָדלען, און גייט זיך אַוועק אין אַן אַנדערער יידי-יידישער שטוב פאַרזוכן פונעם ווייך און בענטשן אַלעמען.

ג.

גאָדל איז אַריין אין שטוב מיט אַ פריידיק געשריי:

— דעני מיט זיינע עלטערן וועלן זיין ביי אונדז דעם צווייטן סדר. איך וועל דענין ווייזן אליהו-הנביאס בעכער!

— דער בעכער!, האָט דער טאַטע אַ געשריי געטאָן, יאָ, פאַר־געסן, וואו איז ער?

אַלע אין שטוב האָבן גענומען זוכן דעם בעכער. מען האָט גע־זוכט אומעטום. אַפילו אינעם שטייג צווישן די הינער. אין שטאָל, וואו די קו שטייט. אויפן הויף, אָבער ניט געפונען. דער בעכער איז פאַרלוירן געגאַנגען.

עטלעכע טעג האָט מען געזוכט אליהו-הנביאס בעכער און ניט געפונען.

דער טאַטע האָט אַ פאַרצווייפלטער זיך געבראָכן די הענט, די מאַמע האָט דורכגענישטערט יעדעס ווינקעלע. גערעדט. געקרעכצט: ווי אַזוי וועט מען פאַרשעמען דעם טיש ביים סדר? ווי אַזוי וועט מען אויפנעמען אליהו-הנביאן דעם ערשטן סדר אויף דער פאַרם?

גאָדל איז אַרומגעגאַנגען אַ טרויעריקער, געשעמט זיך: וואָס וועט ער טאָן? מיט וואָס וועט ער זיך באַווייזן פאַר דענין?

ד.

צוויי טעג פאַר פסח האָט זיך אויף דער פאַרם באַוויזן אַן עלטערער מאַן, אַ פּעדלער. געוויינלעך גייען אַרום פּעדלער אויף פאַרמס. גאָדל האָט שוין אַ סך פון זיי געזען. זיי פאַרקויפן קליינע שטוב-זאַכן: שפּיגעלעך, בענדלעך, קעמלעך, באַרשטן, זייגערס, אַלץ פאַרן הויז-געברויך.

דער פּעדלער האָט געהאַט אַ לויטער פּנים, ער האָט זיך אומגע־קוקט איבערן הויף און דער הינט, העפּי, איז אים מיט פרייד אַנט־קעגנגעשפּרונגען. דער טאַטע האָט אים פאַרבעטן אין שטוב אַריין.

דער פרעמדער האָט אויפגעפּאַקט זיין פּעקל מיט סחורה, אַ מאָד־נע סחורה איז דאָס געווען: מחזורים אויף פסח, בעכערלעך און גלע־זעלעך פאַר די פיר כּוסות, וואָס מען טרינקט ביים סדר, ליכטלעך צום בענטשן. דער טאַטע קומט, קוקט און עס פאַרכאַפּט אים פּלוצעם דער אָטעם. גאָדל קוקט און ווערט בלייך, ביי דער מאַמען ציטערן די ליפּן.

צווישן די אַלע זאַכן ביים פרעמדן אין פּאַק, איז געלעגן אַ זיל־בערנער בעכער, נאָך אַ גרעסערער, ווי דער פאַרלוירענער. מיט אַ הויכן פיסל, ביים ראַנד אַרום אויסגעבויגן און מיט קריצונגען אַ סך און ער פינקלט דער בעכער, שיינט, מאַכט ליכטיק די שטוב.

דער טאַטע נעמט שטאַמלען:

— איז דער בעכער צום פאַרקויפן?

— יאָ, זאָגט דער פּעדלער און זיין פּנים ווערט נאָך לויטערער. איך בין נישט לאַנג אין אַמעריקע, ערשט עטלעכע חדשים. איך האָב זיך אָנגעליטן דאָרטן, קוים אַרויס מיטן לעבן.

— איך וואָלט, איך וואָלט אים געקויפט, שטאַמלט אַלץ דער טאַטע, איך האָב אָבער נישט קיין געלט.

לאַכט ער, דער פרעמדער מיט אַזאַ זילבערדיק געלעכטער, אַז אַלעמען ווערט פרייילעך:

— אַ פאַרמער, נישקשה, מען קען געטרויען, מען קען דעם בע־

כער אויסצאָלן. איך וועל פון איצטער אָן סיי ווי סיי קומען אַלע חודש אין די קעטסקיל-בערג פעדלען. גיט בלויז איין דאָלאַר דערויף, דאָס איבעריקע קען מען אויסצאָלן אין אַ יאָר צייט.

— ניין, זאָגט דער טאַטע, און זיינע הענט רירן אָן דעם בעבער. איך קען אויף זיך ניט נעמען אַזאַ חוב, טאָמער האָב איך ניט צו באַצאָלן.

דעם פרעמדנס פנים שמייכלט און ער רעדט גלאַסענע רייד:

— בּיטחון, האַ? אַ ייד דאַרף דאָך לעבן מיט האָפענונג.

— איך ווייס ניט וואָס מען טוט, קווענקלט זיך דער טאַטע.

דער פעדלער פּאַקט איין זיינע סחורות, נעמט דעם בעבער אין האַנט. גאָדל קען ניט איינשטיין, קוקט אויפן טאַטן, אויף דער מאַמען, אויפן פרעמדן. וואָס וועט ער, גאָדל, טאָן? מיט וואָס וועט ער זיך באַווייזן פאַר דענין? אַזאַ שיינער בעבער אין הויז און מען קען אים ניט האָבן. אליהו-הנביא וועט אַריינקומען צום סדר און אויפן טיש וועט ניט שטיין דער זילבערנער בעבער מיט וויין.

טרערן קומען גאָדלען אין די אויגן. דער פרעמדער זעט דאָס.

— נו? —זאָגט ער.

— ליכט אויף יום-טוב וועל איך קויפן, מאַכט דער טאַטע, און זיינע אויגן זיינען באַגאָסן מיט טרויער. געהאַט אַן ענלעכן בעבער, פאַרלוירן געגאַנגען. איך האָב פשוט ניט קיין געלט אויף אַ נייעם.

דער פעדלער נעמט אַרויס אַ פּעקעלע ליכט, דער טאַטע באַצאָלט אים און ער גייט אַרויס, ווינטשנדיק אַלעמען אַ פריילעכן יום-טוב.

— זעט נאָר! גיט גאָדל אַ געשריי, ווען דער פרעמדער ייד איז אַרויס און ווייזט מיט די הענט אויפן טיש, דער בעבער!

— איבערגעלאָזט דעם בעבער! —שרייט דער טאַטע.

— לויפט אים נאָך, ער מוז נאָך זיין אויפן הויף, זאָגט די מאַמע אַ דערשראָקענע, ער איז אַן אָרימאַן, דאָס איז זיכער זיין גאַנץ פאַרמעגן.

גאָדל און דער טאַטע לויפן אַרויס. דער טאַטע האַלט דעם בעבער אין האַנט. זיי לויפן איבערן הויף און זעען ניט דעם פרעמדן. דער הונט העפּי, לויפט זיי נאָך מיט אַ פריידיקן בילן. זיי לאָזן זיך אַרויס

אויפן וועג, קוקן אין אַלע זייטן, אָבער דער פרעמדער ייד איז פאַר־שוואונדן.

דער טאַטע לויפט ווייטער, שרייט נאָך, אָבער קיינער ענטפערט ניט. ער קומט צוריק, דער פרעמדער איז ניטאָ.

זיי גייען אַריין אין שטוב. דער טאַטע שטעלט אַוועק דעם בע־כער אויפן טיש און זאָגט מיט אַ פריילעך קול:

— אליהו־הנביא איז דאָס געווען!

— פאַר פסח?, פרעגט גאָדל און זיין פנים ווערט רויט, ער דאַרף דאָך ערשט קומען אין די סדר־נעכט.

דער טאַטע שטייט אַ פאַרשיכורטער פון גליק, אין זיינע אויגן גליט אַ פרייד.

— ער קומט, זאָגט דער טאַטע שטיל, ער קומט. מיין קינד, ווען מען דאַרף אים...

בלויע נעכט פון פסח

דער קליינער יואל, איז מיט זיין פאָטער מאיר דעם זייגער־מאַכער, אָנגעקומען אויף אַ שיף אין אַ ניי לאַנד אַריין.

אין דעם לאַנד וואוינען פיל יידן צוזאַמען מיט אַראַבער. כמעט שטענדיק שיינט דאָרט די זון, עס וואַקסן פאַלמען־ביימער, בלומען אַלערליי. אין די קליינע, ענגע, קרום־געדרייטע געסעלעך אין די שטעט גייען געשפּאַנטע אייזלען, קעמלען, שלעפּן פּעק און ווערן געטריבן פון אַראַבישע פּויערים, וואַסער־סוחרים, פעל־הענדלער, פרוכטן־הענדלער און אויך פון יידישע פּעדלער, בלעכער, שמידן, שניידער, פעל־שינדער, מענטשן וואָס פירן אַרום זייערע קליינע וואַרשטאַטלעך איבער די הייף און איבער די דערפער.

די יידן אין יענעם לאַנד האָבן גוטע הערצער און זאָרגן איינער פאַרן אַנדערן. זיי אַרבעטן זייער שווער: וועבן טעפּיכער, פיטערן שאָף, ברענען ציגל, שמידן גאָלד, זילבער, קופּער, מעש, שניצן פון האָלץ אַלערליי חיות און פייגל. זיי זיינען זייער פּראָדוקטיוו. זיי פאַרמאָגן אויך וואונדערלעכע מנהגים און טראַדיציעס. די ימים־טובים זיינען ביי זיי אַזוי קאָלירפול, פאַרפלאָכטן און פאַרוועבט מיט געזאַנגען, מעשׂות, פליטן־שפּיל און טאַנצן, אַז זיי פאַרשטעלן די גרויע וואָכעדיקע אָרעמקייט.

דער שענסטער יום־טוב ביי די יידן אין מאַראָקאָ איז — פּסח. די פייערונג פון פסח איז ביי זיי פאַרבונדן מיט דעם חלום וועגן ירו־

שלים. זיי גרייטן זיך צו דעם יום־טוב אַזוי ווי די יידן האָבן זיך אַמאָל געגרייט אין ארץ־ישראל.

ניין יאָר איז יואל אַלט געווען, ווען ער איז מיט זיין פאָטער אָנגעקומען אין דעם לאַנד. אַלץ איז פאַר אים דערשינען אַזוי אַנדערש, אַזוי כּישופדיק. ער האָט פּלוצעם דערזען מענטשן מאָדנע אָנגעטאָן. די פרויען גייען אין לאַנגע קליידער, פאַרשטעלט דאָס פּנים. מען זעט בלויז אָרוים זייערע אויגן; די מענער טראָגן לאַנגע פּלאַטערנדיקע כאַלאַטן מיט סאַנדאַלן אויף די פיס. די הייזער זיינען ווייס, מיט נידעריקע דעכער און פאַרקראַטעטע פענצטער. די יידן פון דעם לאַנד האָבן יואלן דערמאָנט מיט זייער קליידונג און אויסזען, אין די יידן פון חומש, די, וועלכע האָבן געוואַנדערט איבער דער מידבר און די וואָס האָבן געוואוינט אין די שטעט פון ישראל.

יואל מיט זיין פאָטער האָבן געוואוינט ביים ברעג פון ים. עס איז געווען אַ קליין שטעטל מיט עטלעכע טויזנט יידן. זיי האָבן באַקומען אַ צימער ביי אַ יידישער מישפּחה. דער פאָטער פון דער פאַמיליע האָט געהייסן עזריה בענראַש. ער איז געווען אַ פישער. יעדן פרימאָרגן האָט ער זיך אַרויסגעלאָזט מיט זיין רודער־שיפל ווייט אין ים און ער האָט פאַרשפּרייט זיינע נעצן אַרום זיך און געכאַפּט בערג מיט קליינע זילבער־בלוילעכע פישלעך און נאָכדעם זיי איינגעזאַלצן אין גרויסע פעסער, אָדער ער האָט זיי פאַרקויפט צו יידן אויף שבת און יום־טוב.

ביי דעם פישער עזריה אין הויז איז געווען אַ ייִנגעלע מיטן נאָמען מנחם. ער איז געווען אינעם זעלביקן עלטער וואָס יואל. עטלעכע טעג אין דער וואָך האָט ער צוגעהאָלפן דעם טאַטן פאַרשפּרייטן זיינע נעצן און כאַפּן פישלעך, און אַ צוויי טעג אין דער וואָך איז ער געגאַנגען אין חדר אַריין לערנען גאַנץ וואָרט.

יואל און מנחם האָבן זיך באַלד באַפריינדט און געוואָרן געטרייע חברים.

עס איז דעמאָלט געווען פאַר פּסח. דער פישער עזריה האָט פאַרבעטן יואלן מיט זיין טאַטן אויף ביידע סדרים צו זיין טיש, זיי זאָלן זיין זיינע געסט און אויסגערעדט האָט ער זיך, אַז איין סדר זאָל אָפּריכטן ער, עזריה, און דעם צווייטן סדר — מאיר, יואלס טאַטע.

ערב פּסח אין דער פרי זיינען אַלע יידן פון דעם שטעטל, סיי אָרעם, סיי רייך, געווען גרייט אויפצונעמען דעם ליבן גאַסט — דעם יום-טוב פּסח. דער יום-טוב האָט אַ באַשיינטער שוין אָנגעהויבן אַריינצושפּאַצירן אין מאַראָקאַנישן שטעטל.

מנחם האָט געזאָגט צו יואלן:

— לאָמיר אַרויסגיין אויף די פעלדער אַרום די בערג און אָפּרייסן בלומען אויף יום-טוב.

— גוט, —האָט יואל זיך דערפרייט— לאָמיר טאַקע גיין.

זיי זיינען אַרויס הינטערן שטעטל. אויפן וועג האָבן זיי שוין באַגעגנט מיידלעך און יינגלעך מיט קוישן בלומען, צווייגעלעך, גראָז, שטיקער פּאַלמען באַהאָנגענע מיט זאַפטיקע טייטלען. זיי האָבן דאָס אַלץ אַהיימגעטראָגן, בכדי צו באַצירן די שטובן אויף יום-טוב.

יואל און מנחם האָבן אָפּגעריסן בלומען, פּאַלמען-צווייגלעך און פריילעכע, זיינגענדיקע דאָס אַהיימגעבראַכט.

פאַרנאַכט-צו איז געוואָרן שטיל אין שטעטל. דער גאַנצער גע-פילדער פון בייטאָג האָט אויפגעהערט. די באַרוועסע אַראַבער האָבן געטריבן די פּאַרקויטיקטע אייזלען און קעמלען אין די שטאַלן אַריין אויף ביינאַכט-רו און די יידישע געסלעך האָבן באַקומען אַ יום-טוב-דיקן אויסזען.

ווען די זון האָט זיך געזעגנט און די לעצטע שטראַלן האָבן גע-צונדן די שפּיצן בערג אַרום דעם שטעטל, האָבן די יידן אָנגעטאָן זייערע יום-טובדיקע געהאַפּטענע כאַלאַטן און זיך געאיילט אין שול אַריין, אויסצוזינגען אַ לויב צו גאָט.

ווען די מענער זיינען אַהיימגעקומען פון דער שול, האָט זיך דאָס גאַנצע הויזגעזינד געזעצט צום פיין-געדעקטן טיש: ביי עזריהם רעכ-טער האַנט — זיין ווייב מיט אַ קאָלירט פראַנדזן-טיכל אויפן קאָפּ, מנחם מיט זיין שוועסטערל ציפּורה; ביי דער לינקער זייט — יואל מיט זיין פאָטער מאיר.

דער באַלעבאָס עזריה האָט געמאַכט קידוש. דערנאָך האָט ער גענומען די קערה (קאָרע, שיסל), צוגעגאַנגען צו זיין ווייב, אויפגע-הויבן די קערה איבער איר קאָפּ און זי געבענטשט. נאָכדעם האָט ער געבענטשט זיינע קינדער, נאָכדעם זיינע געסט, דעם גאַסט מאיר מיט

ווין יינגל יואל. ער האָט אַלעמען געוואונטשן לאַנג לעבן, געזונט, גליק און פרייד. נאָכדעם האָט ער געזאָגט מיט אַ הויכער שטים:

— היינט איבער אַ יאָר זאָל מען אויפגיין קיין ירושלים.

אַלע האָבן געטרונקען רויטן ווין. מנחם האָט געפרעגט די קשיות און עזריה האָט געענטפערט.

נאָכדעם האָט ווידער עזריה געזאָגט:

— איצטער וועל איך אַריבערגיין דעם ים מיט מצות אויף די פּלייצעס.

זיין ווייב האָט אָוועקגעשטעלט אַ שיסל וואַסער. עזריה האָט אין אַ טוך פאַרבונדן עטלעכע מצות, פאַרוואָרפן דאָס פּעקל אויף די פּלייצעס און אַריבערגעשפּאַנט די שיסל מיט וואַסער. נאָכדעם איז ער אַראָפּ אין גאַס מיטן פּעקל מצות אויף די פּלייצעס. פול מיט פרייד און האָפענונג איז ער געגאַנגען איבער דעם שמאָלן פינצטערן געסל. ווער קען זיך צו אים היינט גלייכן? ער האָט אָנגעטראָפן פיל יידן, און איינער צום אַנדערן האָט געזאָגט:

— גוט יום־טוב, מיר גייען היינט אַרויס פון מצרים און מיר שפּאַנען דורך דעם מידבר קיין ארץ־ישראל.

אַ זילבערנע פולע לבנה, אַ בלויער אויסגעשטערנטער הימל. די לבנה האָט באַגלייט די יידן אויף זייער וועג אינעם געסל. דער בלויער הימל מיט די פינקלדיקע שטערן האָט זיי געוויזן דעם וועג אויף דעם לאַנגן וואָגל און וואַנדער פון עטלעכע שפּאַן די גרוים. ווען יואל האָט אַראָפּגעקוקט דורכן פענצטער און געזען די יידן מיט די טאָרבעלעך מצות אויף די פּלייצעס, האָט ער געפרעגט מנחמען:

— וואוהין גייט ער, דער טאַטע?

— ער גייט אַרויס פון מצרים אין דער מידבר אַריין — האָט מנחם געענטפערט. — יעדעס יאָר טוט ער אַזוי. אַז איך וועל אויפוואַקסן און ווערן אַ טאַטע, וועל איך אויך אַזוי טאָן.

אין עטלעכע מינוטן שפּעטער איז עזריה צוריקגעקומען מיטן פּעקל מצות אויף די פּלייצעס. ער איז צוריקגעקומען אַן אויפגעלייגטער. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש, אונטערגעלייגט די פיס און מען האָט אָנגעהויבן די סעודה. עזריה האָט ביים עסן דערציילט מעשׂות וועגן ים, וועגן יידן אין דער מידבר און וועגן זיינע פיש,

וואָס ער כאַפּט אַ גאַנץ יאָר. דורכן פענצטער האָבן אַריינגעציטערט פינקלענדיקע שטערן און מען האָט גאָרניט באַמערקט, ווי די ערשטע סדר־נאַכט פאַרשווינדט.

נאָכן עסן האָבן אַלע מענטשן אין שטוב אָקעגנגעטאַנצט אליהו־הנביא, וואָס דאַרף אַריינקומען דורך דער אָפענער טיר.

איידער זיי זיינען אַוועק פון עזריהס הויז, האָט יואל געזאָגט צו זיין חבר מנחם:

— איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן אַזאַ שיינעם יום־טוב, ווי איך האָב געזען ביי אייך אין הויז, קיינמאָל ניט.

די שקלאַפן־אַרבעט פון די יידן אין מצרים

III

איבער שטאָט און שטעטל

דער שוואַרצער בער און דער קרומער קלים.

דער בוים.

דער מאַן מיטן שפּיל־קעסטל.

אַן אייגענע קאַרוסעלע.

אַ קייטעלע.

דענים פרייד.

דער שוואַרצער בער
און דער קרומער קלים

אין אַ קליין שטעטל אין פּוילן האָבן געלעבט צוויי בעטלער. איינעם האָט מען גערופן, דער שוואַרצער בער און דעם צווייטן, דער קרומער קלים.

די נעמען האָבן זיך צוביידן גוט צוגעפּאַסט, ווייל דער שוואַרצער בער, האָט געהאַט אַ באַוואַקסן פּנים מיט שוואַרצע האָר, שמייכלענדיקע ליפּן און טאַקע אויסגעזען ווי אַ פאַרשלאָפענער בער. קלים איז געווען אַ דאַרער, אַ הויכער, אַ קרומלעכער, ווי אַ בוים אויפן ווינט, וואָס בויגט זיך אומצופאַלן.

ביידע זיינען זיי געווען אַלט, מיט צעקנייטשטע פּנימער, ווי דאָס שאָלעכץ פון אַ בוים און ביידע האָבן זיי געהאַט אויסגעלאָשענע אויגן.

אין די זומערן זיינען ביידע בעטלער געזעסן ביים טייך, וואָס איז אַ זינגעוודיקער, אַ ברייטער מיט אַ גרינלעך בלויען שפּיגל-פלאַך געפלאָסן אַרום דעם שטעטעלע, געצויגן זיך אויף מיילן ווייט און ער-גער-וואו צווישן גרינע פעלדער און לאַנקעס אריינגעפאַלן אין אַ גרויסן שטראָמיקן טייך.

אין מיטן דעם שטעטלדיקן טייך האָט זיך געפונען אַ ברויזנדיק זודיקער קוואַל, וואָס האָט געשלאָגן פון טיפע טיפענישן ניט צו דער-גרונטעווען. האָט מען אריינגעוואָרפן אַ שטיינדל אין מיטן פון קוואַל, האָט זיך אין דער זעלבער רגע צעשפּילט אַ רעגנבויגן מיט קאָלירן

אויפֿן בלויליך-גרינעם שפּיגל-פֿלאַך, אַזש עס האָט פֿאַרבלענדט דאָס אויג.

און אַט טאַקע נעבן דעם קוואַל, אונטערן שאָטן פֿון געדיכט-באַבלעטערטעביימער, זיינען געזעסן די צוויי בלינדע בעטלער, דער שוואַרצער בער און דער קרומער קלים. געזעסן דאָרט פֿון אָנהויב פֿרילינג ביז אינמיטן האַרבסט, ווען רעגנס און ווינטן האָבן זיי פּשוט פֿאַרטריבן פֿון דעם שיינעם ווינקעלע.

דעם מערסטן טייל פֿון די זומערדיקע טעג האָבן זיי ביידע אונ-טערגעדרימלט. ביי די קני האָט יעדער פֿון זיי געהאַט ליגן אַ בלע-כערן פּושקעלע, האָט ווער פֿון די פֿאַרבייגייער אַריינגעוואָרפֿן אַ מטבעהלע, האָט עס אַ גרילצנדיקן קלונג געטאָן און זיי אויפֿגעוועקט פֿון דרימל.

זיי האָבן ביידע געלעבט נאָר פֿון דעם, וואָס גוטע הענט פֿון מענטשן האָבן זיך פֿון צייט צו צייט אויסגעשטרעקט צו זיי און עפּעס געשאָנקען. בחינם האָבן זיי אָבער ניט געוואָלט נעמען קיין געשאַנק, זיי האָבן אָפּגעצאָלט מיט דערציילן מעשׂיות.

און דערציילט האָבן זיי זייער שיין. זיי האָבן געוואוסט מעשׂיות וועגן דעם טייך, וואָס פֿליסט פֿאַרביי פֿון אייביק אָן.

די קינדער פֿון שטעטל האָבן זייער ליב געהאַט צו הערן די מע-שׂיות פֿון די צוויי בלינדע בעטלער.

אַט האָט וועמער אַריינגעוואָרפֿן צוויי מטבעהלעך אין די פּושקעס. דער שוואַרצער בער האָט זיך אַ טרייסל געטאָן פֿון שלאָף, מיט אַ ברייטער האַנט האָט ער זיך גענומען גלעטן די געדיכטע באָרד און אַ ברייטן גענעץ געטאָן.

— זיידעשי, דערצייל עפּעס.

— וואָס זאָל איך דיר דערציילן, מיין קינד?

— אָט, דערצייל זיידעשי וועגן דעם קאַלירטן טייך.

האָט דער שוואַרצער בער אַ ברום געטאָן, אויסגעשטרעקט זיין קאָפּ מיט די אויסגעלאָשענע אויגן, ווי ער וואָלט אויף אַן אמת עפּעס געזען און געזאָגט:

— ווען גאָט האָט אויף דעם אָרט באַשאַפֿן דעם טייך, איז ער געווען זייער קליין און פֿלאַך. אַ טייכעלע אַ קליינס, וואָלט קיינעם

קיין נוצן ניט געבראַכט, נאָר בלויז געטריקנט. האָט זיך דאָס טייכל געשעמט און געטרויערט. האָט גאָט צוגעזען דעם צער פון דעם טייכל און פאַרגיטיקט מיט אַ מתנה, דאָס איז דער קוואַל פון קאָלירן. און איידער גאָט האָט אינעם טייכל איינגעגראָבן דעם קוואַל, האָט ער געשיקט נאָך דעם טייכל און אַזוי געזאָגט: „איך וועל דיך באַשיינען מיט אַ גאָב, אַ קוואַל מיט פאַרבן, אין וועלכן די מענטשן וועלן זיך שפּיגלען און זייערע ליפּן וועלן זיך דערקוויקן מיט דער זיסקייט פון דיינע וואַסערן". אַזוי אַרום פאַרמאָגט דער קוואַל אַלע קאָלירן פון דער וועלט און ווען מען וואַשט זיך מיט דעם וואַסער, ווערט די הויט פריש, שיין, די אויגן קלאָר און לייטער.

האָבן די קינדער אויסגעהערט דעם שוואַרצן בערס רייד און געפרעגט:

— פונוואַנען ווייסטו דאָס, זיידע? ביסט דאָך בלינד. פונוואַנען קענסטו די פאַרבן פון וואַסער?

— אַ מענטש דאַרף ניט קיין אויגן צו זען אַלץ, וואָס עס טוט זיך אַרום אים, — האָט דער שוואַרצער בער אַלע מאָל געהאַט דעם זעלבן ענטפער.

— זיידעשי, פאַרוואָס האָט גאָט געבענטשט דאָס טייכל?

— ווייל אַלע פאַרשעמטע און אָרעמע בענטשט גאָט...

דער קרומער קלים איז געווען אַ בייזער. ער האָט צוגענומען דאָס מטבעהלע און געזאָגט פונקט דאָס פאַרקערטע פון דעם שוואַרצן בער.

מען האָט דערציילט, אַז קלים איז געבוירן געוואָרן אַ זעעוודי-קער, גלייך ווי אַלע מענטשן, נאָר עפּעס אַן אומגליק האָט מיט אים שפּעטער געטראָפן. ער האָט פאַרלוירן דאָס ליכט פון זיינע אויגן. דעריבער טאַקע זעט די וועלט ביי אים אוים זייער ניט שיין און שלעכט. מען האָט אויך דערציילט, אַז דער שוואַרצער בער איז גע-בוירן געוואָרן אַ בלינדער, דעריבער זעט ער נאָר שיינע, וואונדערלע-כע זאַכן...

געלעבט האָבן ביידע בעטלער בשלום, כאָטש דער שוואַרצער בער איז געווען אַ ייד און דער קרומער קלים, איז ניט געווען קיין ייד. זיי האָבן זיך קיינמאָל ניט געקריגט און ניט גערעדט קיין שלעכטס

איינער אויפֿן אַנדערן. זיי האָבן אַזוי אָפּגעלעבט אַ סך יאָרן. אין די זומערן געזעסן צוזאַמען ביים טייך, געבעטלט און אין די ווינטערן, איז קלים געזעסן אויף די טרעפּ פֿון קלויסטער און דער שוואַרצער בער איז געזעסן הינטערן אויוון פֿון אַלטן בית־המדרש.

זיי וואָלטן אַזוי געווען אויסגעלעבט זייערע יאָרן אין שלום און שלווה, ווען ניט, וואָס אין אַ שיינעם טאָג איז פֿון ערגעץ־וואו אָנגעקומען אַ פֿרעמדער מענטש, אַן אָרעמאַן, אַ וואַנדערער איבער שטעט און דערפֿער, האָט זיך אים דווקא פֿאַרגלוסט אַוועקצוזעצן אויף דעם זעלבן אָרט ביים טייך, צווישן שוואַרצן בער און דעם קרומען קלים.

און דער פֿרעמדער איז געווען אַ שלעכטער מענטש מיט זעעוודיקע אויגן, אָבער בייזע און פֿאַלשע. באַלד אין די ערשטע טעג האָט ער ביידע בלינדע בעטלער אָנגערייצט איינער אויפֿן אַנדערן.

און נאָך אַן ערגערע זאַך האָט ער געטאָן: אַזוי ווי ער איז געווען אַ זעעוודיקער, האָט ער מיט גוטע ריידעלעך זיך צוגעחנפֿעט צו ביידן און געוואונען זייער צוטרוי. דעם געהאָלפֿן עפּעס ברענגען, דעם צוגעפֿירט ערגעץ און דערביי האָט ער איינציקווייז אַרויסגענומען דאָס געלט פֿון זייערע פּושקעס און אַריינגעלייגט אין דער אייגענער קעשענע.

זיינען אַדורך עטלעכע טעג און די צוויי בלינדע בעטלער האָבן דערפֿילט, אַז מען ליידיקט אויס זייערע פּושקעס, זיי האָבן ניט אַפֿילו גענוג צו קויפֿן אַ שטיקל ברויט, האָבן זיי גענומען שרייען איינער צום אַנדערן:

— אוי, אַן אומגליק האָט מיך געטראָפֿן!

— אוי, מען נעמט מיר אַלץ צו!

און דער שוואַרצער בער האָט חושד געווען זיין שכן, דעם קרומען קלים, און דער קרומער קלים האָט חושד געווען זיין שכן, דעם שוואַרצן בער.

האָט זיך געמאַכט אַ קינאה און שינאה צווישן די צוויי בלינדע בעטלער און זייער פֿריינדשאַפֿט האָט געהאַלטן ביים איבערגעריסן ווערן.

און ווען האָט דאָס געדאַרפֿט געשען?

גראָד אויף דער עלטער, ווען זיי זיינען שוין געווען געבויגן, וויים ווי שניי און מיד.

איין מאָל איז צו זיי געקומען אַן ייִנגעלע און געזאָגט:

— זיידע בער און זיידע קלים, דערציילט אַ שיינע מעשה.

האָבן ביידע בלינדע אָפּגעזיפּצט און געשוויגן.

נאָך אַ ווײַלע שווייגן האָט דער שוואַרצער בער געזאָגט:

— ייִנגעלע, עס איז שווער צו דערציילן. דער קאָפּ איז ניט דערביי.

האָט דאָס ייִנגעלע זיך אָנגערופן:

— עס איז זיכער דערפאַר, ווייל דער פרעמדער נעמט אַרויס דאָס געלט פון אייערע פושקעלעך. ער איז אַ שלעכטער, דער וואָס זיצט לעבן אייך, און אַ בייזער.

זיינען ביידע בלינדע געבליבן זיצן דערשראָקן, געפּלעפּט, זייערע ליפּן האָבן געשעפּטשעט:

— זאָג, ייִנגעלע, וואָס האָסטו געזען. מיר וועלן דיר דערפאַר דערציילן שיינע מעשיות.

— ווען איך בין מיט מיין טאַטן געקומען צום קאָלירטן קוואַל, האָט מיין טאַטע אייך געגעבן עפּעס געלט. ווען דער טאַטע איז אַוועק, בין איך נאָך געבליבן שטיין, האָב איך געזען ווי דער פרעמדער האָט אַרויסגענומען דאָס געלט און געלייגט אין זיין קעשענע.

— פאַרוואָס האָסטו באַלד ניט געזאָגט, ייִנגעלע? — האָבן זיי געפרעגט צוזאַמען.

— איך האָב מורא געהאַט.

איצט האָבן דער שוואַרצער בער און דער קרומער קלים אַלץ פאַרשטאַנען. זיי האָבן אָנגעהויבן שרייען אויף דעם פרעמדן, אים גענומען זידלען, אויפגעהויבן די שטעקנס און אַזוי לאַנג געשריגן, ביז זיי האָבן אים פאַרטריבן פון דעם אָרט, וואו זיי זיינען אַזוי פיל יאָרן געזעסן אין פריינדשאַפט און אין פרידן. אין זייערע הערצער האָט צוריק זיך באַזעצט די גוט-פריינדשאַפט איינער צום אַנדערן און דער שלום צווישן ביידע האָט ווייטער אָנגעהאַלטן.

דעם ייִנגעלע האָבן זיי באַלוינט מיט שיינע מעשיות.

דער בוים

דאָס שטעטל ליגט אויף אַ שפּיץ פון אַ פעלדז צווישן בערג באַדעקטע מיט אַ זילבער-בלוילעכן שניי און זעט אויס ווי אַ קעצל, וואָס וואַרעמט זיך אונטער דער זון.

אינמיטן שטעטל שטייט אַן אַלטער ריזיקער בוים. זיינע צווייגן, ווי לאַנגע הענט צעשפּרייטן זיך איבער די פרידלעכע איינוואוינער מיט בענטשונג און רו. קינדער שפּילן זיך אונטער די צווייגן און בלעטער פון דעם בוים, קריכן אַריין אין דער איסהוילונג פון דעם בוימס בויך, ווען זיי שפּילן אין באַהעלטעלעך; אַלטע לייט זיצן אונטער זיין שאָטן, האָבן הנאה פון זיין לופטיקער קילקייט. אין די בלויע פאַרנאַכטן זעצן זיך אויס די איינוואוינער פון די געסלעך אַרום, דערציילן זיך מעשׂיות, פרייען זיך אין דער אייגענער אינטימקייט.

די איינוואוינער פון שטעטל, וואָס אַרבעטן אין פעלד מיט אייזל און פערד, גייען זעלטן אַראָפּ פון זייער באַרג-הויכקייט. זייערע פּנימער זיינען דורכגעאַקערט פון שטורעמס, רעגנס, ווינטן. זיי דערנערן זיך מיט די פּירות און געוויקסן, וואָס די ערד גיט זיי, טיילמאָל מיט אַ פולער האַנט און טיילמאָל מיט אַ קאַרגער, שפּאָרעוודיקער האַנט.

עטלעכע מאָל איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין דעם שטעטל. איינמאָל האָב איך זיך צוגעזעצט צו אַן אַלטיטשקן מאַן אונטערן בוים. ער האָט אין מיר דערקענט אַ פרעמדן, האָט ער מיר גענומען דערציילן וועגן דעם אָפּשטאַם פון בוים: זיינע עלטער-זיידעס — האָט ער גערעדט מיט שטאָלץ— האָבן אים דאָ פאַרפלאַנצט און ער

איז געװאָרן די פרייד פון שטאָט. ער האָט מיר אויך דערציילט, אַז אַ יונגער מאָלער איז פון אַ ווייטע שטאָט געקומען אין דעם שטעטל און טעג דורכאַנאַנד געמאָלן דאָס געשטאַלט פון בוים. ווען ער איז פאַר־טיק געוואָרן, האָט ער דאָס בילד געטראָגן אין דער גרויסער וועלט אַריין.

אַ צייט לאַנג האָב איך דאָס שטעטל ניט באַזוכט, ביז איך בין מיט יאָרן שפּעטער ווידער דאָרט אָנגעקומען. דעם בוים האָב איך שוין מער ניט געזען, אויף דעם זעלבן אָרט זיינען געשטאַנען עטלע־כע קאַפע־הייזער, געשעפטן פון פאַרשידענע סחורות, אַ טראָטואַר אַ שיינער, מיט געפלאַסטערטע שטיינער פאַר אַ באַקוועמען שפּאַציר.

דאָס גאַנצע פּנים פון שטעטל איז געוועזן פאַרענדערט.

אין אַ זייטיק געסל האָב איך געטראָפן דעם אַלטיטשקן מאַן, וואָס האָט מיר אַמאָל דערציילט דעם אָפּשטאַם פון דעם פאַרשוואונ־

דענעם בוים. דער אַלטער האָט זיך געוואַרעמט אויף דער זון. ער האָט מיך ניט דערקענט, זיינע אויגן זיינען שוין געוועזן שוואַך.

— פאַרוואָס האָט מען אונטערגעהאַקט דעם בוים, זיידע? — האָב איך געפרעגט.

ער האָט אָנגעשטעלט אויף מיר זיינע שוואַכע אויגן און טרויע־ריק אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און געזאָגט:

— פרעמדע מענטשן זיינען דאָ אָנגעקומען, אויפגעעפנט גע־שעפטן פאַר נייגעריקע, וואָס קומען אין די בערג. דער בוים איז זיי

געוועזן גרויס אין די אויגן, צופיל אָרט פאַרנומען, האָבן זיי אים אונ־טערגעהאַקט און דאָס אָרט פאַרזייט מיט געפלאַסטערטע שטיינער.

דער אַלטער מאַן האָט אָפּגעזיפצט, אומגעקוקט זיך אין אַלע זייטן, ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט, ווי ער וואָלט געגאַרט צו זען אַ פריינד, אַ נאָענטן, וואָס איז פלוצעם פאַרשוואונדן.

איך האָב זיך געזעגנט מיט דעם אַלטן מאַן, איבערגעלאָזט אים מיט זיין בענקשאַפט און בין אוועק פון דעם שטעטעלע, הויך אין די אַלפּן-בערג אויף אַ שפּיץ פון אַ פעלדז.

מיט אַ צייט צוריק איז אין אַ גרויסן מוזעאום פון ניו־יאָרק פאַר־געקומען אַן אויסשטעלונג פון אַ באַרימטן יידישן מאָלער, וואָס האָט יאָרן-לאַנג געלעבט אין פראַנקרייך און פאַראייביקט פייזאַזשן פון די אַלפּן-בערג. צווישן די בילדער האָב איך געזען דעם ביים, וואָס דער

מאָלער האָט אין יענעם ווייטן שטעטל געמאָלן און דאָס בילד אַ נאָ־מען געגעבן לויט דעם נאָמען פון שטעטל. דער בוים האָט אינעם מוזעאום געלעבט אין דער גאַנצער פּראַכט, אַזוי ווי איך האָב אים געזען אַ פולן, אַ שיינעם, אַ צעצווייגטן, און קוקנדיק אויף דעם בילד,

האָט עס מיך פֿאַרטראָגן װײַט, װײַט אין עס האָט זיך מיר געדאַכט, װי איך הער דאָס ברומענדיקע קול פֿון דעם אַלטן מאַן, װאָס האָט אַלײן אױסגעזען װי אַ פֿאַרװאָרצלטער בױם צװישן די פֿעלדזן: דער אַלטער קרעכצט און דערצײלט דעם אָפּשטאַם פֿון אַ בױם, װאָס האָט דאָרט יאָרהונדערטער געלעבט. ער האָט ניט געװאוסט, דער אַל־טיטשקער, אַז דאָס געשטאַלט פֿון דעם אַלטן בױם װעט אַרײַן אין דער אײביקײט. אַ קינסטלער האָט דאָס געשטאַלט מיטגענומען אין דער גרױסער װעלט אַרײַן צו באַצירן די מוזעאומס און זאָל זײַן אַ הנאה פֿאַרן אױג.

איך האָב אין מוזעאום געזען פֿיל מענטשן באַװאונדערן די שײנ־קײט פֿון דעם בילד. עס האָט זיך מיר געגלוסט יעדן דערצײלן:

— איך האָב דעם בױם גוט געקענט. פֿיל מאָל געזעסן אונטער זײַן שאָטן. איצטער לעבט ער בלױז אױפֿן בילד און קען אָבער ניט שטילן די בענקשאַפֿט פֿון אַ גאַנצן שטעטעלע מענטשן, װאָס קענען אים ניט פֿאַרגעסן; עס פֿעלט זײַן קילע שאָטנדיקײט, עס פֿעלט זײ דאָס גליק און געניוס, װאָס דער אַלטער בױם מיט זײַנע דיקע צװײַגן און זאַפֿטיקע בלעטער האָט איבער זײ פֿאַרשפּרײט.

דער מאַן מיטן שפּיל־קעסטל

אויף אַ רווישיקער גאַס אין ניו־יאָרק שטייט אַן אַלטער מאַן בײַ אַ שפּיל־קעסטל. מיט איין האַנט דרייט ער בײַ אַ רעדל און עס פליִיצן אַרויס פאַרשידענע ניגונים: פריילעכע, טרויעריקע, פאַר־בענקטע און גאָר פריילעכע.

אַ קליין מאַלפּעלע מיט אַ פאַרשפּיצט נעזל, ווי אַ וואָרצעלע די גרויס איז מיט אַ לאַנגער קייט צוגעבונדן צום שפּיל־קעסטל. די מאַל־פּע איז געהילט אין אַ בלוי מענטעלע מיט אַ קאַפּעלושל אויפן קאָפּ, ווי אַ פינגערהוט די גרויס. מיט צוויי פריילעכע ברוינע אייגעלעך, ווי צוויי קליינע ברוינע ניסעלעך, באַגריסט זי כּסדר די פאַרבייגייער, כאַפּט האַסטיק אַראָפּ דאָס קאַפּעלושל פון קאָפּ, בוקט זיך פאַר די מענטשן איין מאָל און נאָך אַמאָל. נאָכן בוקן זיך פלינק, פלינק, ווי עס וואָלט מורא האָבן ניט צו פאַרלירן אַ סך צייט, הויבט די מאַלפּע־לע אָן צו טאַנצן מיטן קאַפּעלושל אין איר האָריק הענטל. פּלוצעם נעמט עס אָן אַ טרויעריקע מינע, שטרעקט אויס דאָס קאַפּעלושל מיט בײַדע הענט, שאָקלט מיטן קעפּל, בעטנדיק מען זאָל רחמנות האָבן און עפּעס געבן.

מענטשן שטעלן זיך אָפּ. דאָס קליינע צוויי־פיסיקע באַשעפעניש פאַרהאַלט אַ ווײַלינקע דאָס געאײַלעניש, דעם גאַסן־ווירוואַר און די אייביק פאַרנומענע, אײַלנדיקע, פאַריאָגטע מענטשן שטעלן זיך אָפּ און וואונדער איבער וואונדער:

די מענטשן שמייכלען פון דעם ספּעקטאַקל אין מיטן גאַס. שמייכ־לען און האָבן אַפילו הנאה.

עס איז דאָך ניט קיין קלייניקייט צו מאַכן אַ פאַרהאַוועטן מענ־

טשן שמייכלען אין מיטן אַ פּראָסטן טאָג אויף אַ רווישיקער גאַס אין ניו־יאָרק... עס איז שווין גאָרניט פון די קליינע זאַכן.

— ווי דאָס באַשעפעניש טוט אַלץ נאָך, באַמערקט איינער פון די פאַרבייגייער.

— פאַרוואָס לערנט איר עס אויסשטרעקן די הענט?, פרעגט אַ צווייטער ביים אַלטן מאַן, וואָס דרייט דאָס רעדל פון שפּיל־קעסטל.

— געגוג אַז איר שפּילט און מענטשן האָבן אויף אייך רחמנות!

— איך האָב דאָס ניט געלערנט, זאָגט דער אַלטער מיט אַ שע־מעוודיקן שמייכל, עס מאַכט מיך בלויז נאָך.

— איר שפּילט דאָך. איר שטרעקט דאָך ניט אויס די הענט!

— דאָס באַשעפעניש טוט עס פאַר מיר, אַ קלוג באַשעפעניש, און פאַרדינט זיך ערלעך דאָס שטיקל ברויט, מאַכט דער אַלטער און דרייט ווייטער דאָס שפּיל־קעסטל.

אין מיטן די רייד קומט דאָס מאַלפּעלע צו צום אַלטן מאַן, קערט איבער דאָס קאַפּעלושל און גיט אַ שאָט אויס אַ הויפן מטבעהלעך פאַר זיינע פיס. דער מאַן בויגט זיך אַראָפּ, הייבט אויף די מטבעות, גיט אַ גלעט דער מאַלפּע איבערן רוקן, שטופּט אַריין אינעם קליינעם מויל פון דער מאַלפּע אַ שטיקל צוקער, ווי אַ דאַנק און דרייט ווייטער דאָס שפּיל־קעסטל און עס פליִיצן אַרוים ניגונים איינער נאָכן אַנדערן.

די מאַלפּעלע רוקט זיך אָפּ, קוקט אויף די מענטשן מיט פאַרוואונ־דערטע שנעלע בליקעלעך. באַלד כאַפּט עס ווידער אַראָפּ דאָס קאַפּע־לושל, שטרעקט אוים די הענטלעך און בעטלט רחמנות, בעטלט נדבות.

— אַ געבוירענע בעטלערין, באַמערקט ווידער ווער פון די פאַר־בייגייער.

— מענטשן האָבן עס אויסגעלערנט.

דער אַלטער הערט אויף צו שפּילן. אַזוי ווי די קלאַנגען זיינען געוואָרן איינגעשטילט, איז אויך דאָס מאַלפּעלע געוואָרן שטיל. אי־רע הענטלעך האָבן זיך ניט מער אויסגעשטרעקט נאָך בעטל־ברויט.

— וואָס אַ ניגון קען אַלץ אויפטאָן, האָט ווידער ווער באַמערקט פון די פאַרבייגייער.

— אויב איך זאָל ניט שפּילן, וועט די מאַלפּע ניט בעטלען. זי ווייסט, ווען איך שפּיל אויף מיין קעסטל און עס פליִיצן אַרוים קלאַנג־פולע ניגונים, מיינט עס, אַז איך בעט רחמנות און בעטל ברויט...

אַן אייגענע קאַרוסעלע!

הערשל וויל זייער שטאַרק האָבן אַן אייגענע קאַרוסעלע און טאָן אַלץ, וואָס דאָס האַרץ גלוסט. דאָס הייסט: באַפעלן די פערדלעך זיי זאָלן לויפן, די רייטער — זיי זאָלן זיך אָפּשטעלן, די גלעקלעך מאַכן קלינגען, די אייזעלעך, שיפלעך, וועווריקעס און קאַטשקעס זאָלן פאָלגן, ווען מען הייסט זיי גיין, שווימען, אָדער בלייבן שטיין.

טאָג און נאַכט חלומט הערשל וועגן אַ שטיקל אייגענער קאַרוסעלע. איינמאָל איז ער געפאַלן אויף אַ וואונדערלעכן פּלאַן:

ביי זיי אין הויז איז פאַראַן אַ פאָנאָגראַף, וואו מען לייגט אַרויף פּלאַטן (דיסקאָס, רעקאָרדס) און מען הערט מוזיק. ווי לאַנג קאָן דאָס דען אַזוי אָנהאַלטן? יעדן טאָג די זעלביקע מעלאָדיעס, דאָס זעלבע דרייעניש? עס איז הערשלען שוין ציגעגעסן געוואָרן. האָט ער אַרויסגענומען פון שפּילצייג-שענקעלע אַ פערדל, אַ העזל, אַ בער, אַ ציג, אַ הונט, אַ קאַץ, אַ זעלנער, אַ מילכמאַן, אַן אינדיאַנער יינגל. גענומען די אַלע פיגורלעך אַרויפגעלייגט אויף דעם פאָנאָגראַף און — היידאַ.

די ערשטע סעקונדעס האָבן זיך אַלע געהאַלטן צוזאַמען און הערשל האָט שוין פאַר זיך געהאַט אַ פאַרטיקע קאַרוסעלע; ער איז דער אָנפירער, גיט באַפעלן און לאָזט זיך וואוילגיין. אָבער אין אַ מינוט אַרום, קוים צו דערזען מיטן אויג, זיינען אַלע פיגורלעך זיך צעפלויגן מיט אַ געוואַלדיקן אימפעט. דער בער איז געפאַלן אין איין ווינקל פון שטוב, די ציג — העט וייט, דאָס פערדל איז אַריין אין

פענצטער, אויסגעבראָכן אַ שויב, דער האָז איז געשפּרונגען הערש־לען אין קאָפּ אַריין, דער רייטער איז געפלויגן צו דער טיר, דער הונט איז אַרויף אויף דער שאַנק, די קאַץ האָט איבערגעקערט דעם טינ־טער אויפן טאַטנס שרייבטיש.

הערשל איז געבליבן שטיין מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. באַלד האָבן אָבער זיינע אויגן אויפגעשיינט: ער האָט שנעל אויפגעזוכט אַלע פיגורלעך, האָט זיי צוזאַמענגעבונדן מיט אַ שטריקל און אַרויף־געשטעלט אויף דער פלאַך פון דעם פּאַנאָגראַף.

— איצט — האָט ער אַ פריילעכער צו זיך אַליין געמורמלט — וועט איר זיך שוין דרייען!

עטלעכע צענדליק סעקונדעס האָבן זיי זיך געדרייט, אָבער פּלוצעם האָט עס געטאָן אַ זעץ אין דעם סופיט־לאָמפּ און דער לאָמפּ איז צעשפּרונגען אין אַ סך שטיקלעך גלאָז אינאיינעם מיט די פיגורן. פונעם געבראַזג איז הערשלס טאַטע געקומען צעלויפן פון דער צווייטער שטוב.

— וואָס איז געשען? — האָט דער טאַטע אַ צעשראָקענער גע־פרעגט — וואָס האָט עס אַזאַ זעץ געטאָן?

הערשל האָט זיך צעכליפּעט, דערציילט, ווי אַזוי זיין גרויסער פּלאַן איז צעשטערט געוואָרן.

— יאָ, מיין קינד, האָט דער טאַטע געזאָגט, נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעהערט די געשיכטע, עס איז שווער צו האַלטן צוזאַמען אַ בער מיט אַ ציג, אַ הונט מיט אַ קאַץ, אַ פערד מיט אַ העזל, און זיי נאָך הייסן לויפן צוזאַמען, אפילו אַ שטריקל וועט זיי ניט האַלטן. מען דאַרף זיי צוערשט גוט צוגעוואוינען, אויסלערנען זיך האַלטן צוזאַמען, אויב ניט, וועלן זיי זיך צעבייסן, צעשלאָגן און אַנטלויפן.

אַ קייטעלע

אין אַ שטעטל אין פּוילן האָט געלעבט אַן אָרעמע יידישע מישפּחה, טאַטע-מאַמע און זייער איינציק יינגעלע מיטן נאָמען מאָטעלע. דער פאָטער זלמן איז געווען אַ בלעכער, דערנערט זיך און זיין קליין הויז-געזינד מיט דעם, וואָס ער פלעגט גאַנצע וואָכן אַרומפאָרן אין די דערפער און פאַרריכטן עמערס, טעפּ, קעסלען און סתם שטוב-זאַכן.

זלמן איז געווען אַ פריילעכער ייד. ער האָט אַלע מאָל אונטערגעברומט אַ ניגונדל, צופרידן געווען, וואָס גאָט האָט אים געגעבן געזונט און כּוח צו קענען אַרבעטן און מפרנס זיין ווייב און קינד. ער פלעגט נאָר אַהיימקומען אויף די שבּתים און ימים-טובים אַ פריילעכער, אַ שיינענדיקער, מיט גרויס לויב צו גאָט. אין די שבּתים און ימים-טובים, האָט ער זיך אויסגערוט פון דער שווערער אַרבעט, פאַרהערט מאָטעלען אין לערנען, אויסגעהערט זיין עברי, ווי ער לערנט חומש און וואַקסט אַ תּלמיד-חכם.

פרייטיק פאַר חנוכּה איז דער טאַטע אַהיימגעקומען גאָר אַן אויפגערוימטער צו די צוויי ליכטלעך, האָט ער צוגערופן מאָטעלען, אַרויסגענומען עפּעס פון דער קעשענע און געזאָגט:

— נאַ דיר, מאָטעלע, אַ מתּנה, אַ קייטעלע. אַז דו וועסט גרעסער ווערן מיט גאָטס הילף און וועסט גוט לערנען, וועל איך דיר צוקויפן אַ זייגערל צום קייטעלע.

מאָטעלע האָט פאַר גרויס פרייד ניט געקענט אַרויסרעדן קיין

וואָרט. דאָס קיטעלע האָט געגלאַנצט און געפינקלט, געשלענגלט זיך מיט אַ גליטשיקער קיילעכקייט און זייער שיין געווען. מאָטעלע האָט געדאַנקט דעם טאַטן און דאָס קיטעלע אַריינגעלייגט אין דער הויזן־קעשענע און עס גוט באַהאַלטן, גלעטנדיק נאָכדעם יעדע מינוט דעם טאַטנס טייערע מתּנה און געהאָפט, אַז ער וועט גרעסער ווערן, וועט ער האָבן צום קיטעלע אַ שיין זייגערל.

מאָטעלע איז דעמאָלט אַלט געווען זיבן יאָר. ער האָט זיך גוט געלערנט אין חדר. זיינע קלוגע, ליכטיקע אייגעלעך און גוט קעפּל האָבן פאַרנומען די רייד פון זיין רבין, ער האָט זיך איינגעהאָרכט אין לערנען און אַלץ גוט פאַרשטאַנען.

מאָטעלע איז גאַנצע וואָכן געווען אַליין מיט דער מאַמען, צוגע־האָלפן אין דער שטוב־אַרבעט, געגאַנגען אָפט אינעם נאָענטסטן קרעמל איינקויפן, וואָס מען דאַרף אין שטוב און געוואַרט מיט גרויס אומגעדולד אויף די פרייטיקן, ווען דער טאַטע קומט אַהיים און אין שטוב פאַרשפּרייט זיך דעמאָלט אַ זינגעוודיקע, הימלעכע פרייד.

איינמאָל אין מיטן וואָך, אין אַ קאַלטער ווינטער־נאַכט, איז די מאַמע קראַנק געוואָרן. זי האָט געקרעכצט אין שלאָף און זיך ניט געקאָנט רירן פאַר גרויס ווייטאָג. מאָטעלע האָט צוגעזען דער מאַ־מעס יסורים, האָט ער אויפגעקאָכט אַ טשייניק וואַסער, געגעבן דער מאַמען הייסע טיי און שטילערהייט געבעטן גאָט, אַז זי זאָל באַלד געזונט ווערן.

אינדערפרי איז מאָטעלע געלאָפן צו די שכנים, מיט גרויס געוויין דערציילט וועגן זיין קראַנקער מאַמען. די שכנים זיינען אַריינגעקו־מען אין שטוב, געטאָן אַלץ וואָס מען דאַרף אין ווען עס איז איר אַרום מיטאָג־צייט ניט בעסער געוואָרן, איז עמעצער געגאַנגען רופן אַ דאָקטער.

דער דאָקטער איז געקומען, אַ הויכער מאַן מיט אַ שמייכלענדיק פנים, מיט ברילן און מיט אַ ווייס ציטערדיק בערדעלע אויף דער גאָמבע. ער האָט געקוקט דער מאַמען אין די אויגן, אין מויל, גע־קלאַפּט מיט זיינע דינע פינגער איבער דער מאַמעס נאַקעטער פּלייצע, אויסגעשפּרייט אַ ווייס טיכעלע איבער דער מאַמעס ברוסט, צוגע־בויגן זיין קאָפּ און זיך איינגעהאָרכט. דערנאָך האָט ער אין איין

האַנט גענומען זיין גאָלדענעם זייגער און אין דער צווייטער האַנט דער מאַמעס דאַרע האַנט, געטאַפּט דעם דופק, געמאַכט מיט די ליפּן, ווי ער וואָלט עפּעס געציילט. דערנאָך האָט ער אָנגעשטעלט זיינע שמייכלענדיקע אויגן אויף מאָטעלען, וואָס איז געשטאַנען אַ וויינענדיקער און געציטערט, און דער דאָקטער האָט געפרעגט:

— ווי הייסטו, בחורל?

— מאָטעלע!

— וויין ניט, מאָטעלע, האָט דער דאָקטער געזאָגט, די מאַמע וועט באַלד געזונט ווערן. נאַ, איך וועל עפּעס פאַרשרייבן און וועסט צולויפן אין אַפּטייק אַריין נאָך אַ מעדיצין.

דער דאָקטער האָט אָנגעשריבן אויף אַ פּאַפּירל עטלעכע קרום־



גענדרייטע ווערטער, געגעבן מאָטעלען אין האַנט אַריין און געזאָגט:

— וועסט דאָס ברענגען פון אַפּטייק און געבן דער מאַמען, יעדע דריי שעה אַן עסלעפל. זי וועט געזונט ווערן און האָבן נחת פון דיר.

ביי מאָטעלען האָט דאָס הערצעלע געקלאַפּט פון פרייד, פון דעם דאָקטערס גוטע ווערטער. ער האָט פון דער מאַמעס בייטעלע אַרויסגענומען דאָס גאַנצע ביסל געלט וואָס זי האָט פאַרמאָגט, באַצאָלט דעם דאָקטער, דערנאָך אויף זיך אַרויפגעצויגן זיין אַלט ווינטער־מאַנטעלע, און זאָגנדיק דער מאַמען, אַז ער וועט באַלד זיין צוריק, איז ער געלאָפן אין דער אַפּטייק אַריין.

אין דרויסן איז געגאַנגען אַ געדיכטער שניי און עס איז געווען

זייער קאַלט. מאָטעלע איז געלאָפן שנעל, כּדי וואָס גיכער ברענגען דער מאַמען די גוטע רפואה.

אין אַפּטייק איז געווען וואַרעם און ריין. פון איין וואַנט האָט אַראָפּגעקוקט אַ גרויסער זייגער; פון די אַנדערע ווענט — בילדער מיט שטרענגע קעפּ פון שׂררות, פּריצים מיט שטעכיקע וואָנסעס און בייזע אויגן.

מאָטעלע איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אין אַן אַפּטייק, קיינמאָל ניט געזען אַזאַ רייכקייט, אַזוי פיל קאָלירטע פלעשלעך, מיט סלאָאיק-לעך, מיט בלאַנקענדיקע שפּיגלען, וואו ער זעט זיך אינגאַנצן, אַ קליי-נינקער, אַ ציטערדיקער, מיט פּאות און קאַפּאָטקעלע. פון אומעטום פינקלען קאָלירטע וואַסערן. דער אַפּטייקער, אַ הויכער גוי מיט האַרטע וואָנסעס און שטייענדיקע האָר, ווי ביי אַ יאָזש, הייסט אים אַראָפּנעמען פון קאָפּ דאָס היטעלע און דערנאָך הייסט ער אים וואַרטן אַ גאַנצע שעה צייט, ביז דער רעצעפּט וועט זיין פאַרטיק.

מאָטעלע האָט זיך דערווייל אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק אין דער אַפּטייק. די שמעקנדיקע וואַרעמקייט האָט אים איינגעשלעפערט און ער איז טיף איינגעשלאָפן. עס האָט זיך אים געחלומט אַ חלום: ער האָט געזען אַן עלטערן יידן, וואָס איז געווען ענלעך צום זיידן, מיט אַ שיינער באָרד. ער האָט אים געגלעט, געלאַכט און אים אָנגעזאָגט ער זאָל ניט זאָרגן און ניט מורא האָבן, די מאַמע וועט געזונט ווערן נאָך פאַר פּרייטיק, איידער דער טאַטע קומט אַהיים. דער אייבער-שטער וועט העלפן.

אין מיטן חלום האָט מען אים אויפגעוועקט. לעבן אים איז גע-שטאַנען דער אַפּטייקער מיט אַ פלעשל אין האַנט. ער האָט צו אים געזאָגט:

— די מעדיצין איז פאַרטיק. האָסט געלט?

מאָטעלע האָט אַוועקגעגעבן דאָס גאַנצע געלט וואָס ער האָט געהאַט, אָבער עס איז געווען צו ווייניק. דער אַפּטייקער האָט אים ניט געוואָלט געבן דאָס פלעשל. האָט ער געמוזט אַהיימלויפן, כּדי צו ברענגען נאָך געלט. ער איז שטיל אַריינגעקומען אין שטוב. די מאַמע איז גראָד געשלאָפן. ער האָט אַרויסגענומען דאָס חנוכּה-געלט, וואָס ער האָט חנוכּה באַקומען פון טאַטן און צוריקגעלאָפן אין אַפּ-

טייק אַריין. ער האָט באַצאָלט דעם אַפּטייקער און באַקומען דאָס פּלעשל. אינעווייניק איז געווען רויט וואַסער, עס האָט זיך פון אויבן געבלעזלט און עס איז געווען וואַרעם. עס איז דעריף געווען אַנגע־קלעפּט אַ לענגלעך פּאַפּירל, דער רעצעפּט מיט אומפאַרשטענדלעכע ווערטער.

מאָטעלע איז אַ צעיאַכמערטער אַרויסגעלאָפן פון אַפּטייק מיטן פלעשל אין האַנט. אינדרויסן איז שוין געווען פינצטער, גליטשיק פון דעם שניי, וואָס איז איצטער פאַרהאַרטעוועט געוואָרן פון פראָסט. ער האָט זיך געאײַלט מיט דער רפואה צו דער קראַנקער מאַמען, אָבער אין גרויס אײַלעניש איז ער אומגעפאַלן, דאָס פלעשל האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון זײַנע הענט, צעבראָכן געוואָרן, און דאָס רויטע וואַסער האָט זיך אויסגעגאָסן איבער דעם זילבער־בלויען שניי.

מאָטעלע האָט זיך קוים אויפגעהויבן אין פאַרשטאַרט געוואָרן פאַר שרעק. די פיס האָבן זיך אים אונטערגעבראָכן. דאָס ייִנגל האָט אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ ביטער געוויין. וואָס וועט ער איצטער טאָן? ווי וועט ער אַהיים גיין ליידיק צו דער קראַנקער מאַמען? קיין געלט האָט ער ניט צו קויפן קיין אַנדערע מעדיצין. דאָס הערצל האָט בײַ אים געקלאַפּט פון אויפרעגונג און צער. ער האָט זיך דערמאָנט אין דעם חלום, ווי דער אַלטער מאַן, ענלעך צום זיידן, האָט אים ניט געהייסן שרעקן זיך, אָבער וואָס זאָל ער איצט טאָן?

אַזוי ווי ער איז געשטאַנען אַ פאַרווײַנטער, איז אים אײַנגעפאַלן אַ געדאַנק. ער האָט אַנגעטאַפּט אין דער הויזן־קעשענע דאָס קייטע־לע, די מתנה פון טאַטן, אויפגעהויבן דאָס צעבראָכענע פלעשל און צוריקגעלאָפן אין אַפּטייק אַריין.

ער איז אַרײַנגעקומען אַ ווײַנענדיקער, געוויזן דעם אַפּטייקער דאָס צעבראָכענע פלעשל און נאָך העכער זיך צעוויינט. דער אַפּטיי־קער האָט אים קאַלט אַנגעקוקט און געזאָגט, אַז ער קען אים, אָן געלט, ניט געבן קיין אַנדערע מעדיצין. ער האָט ניט געדאַרפט פאַלן.

מאָטעלע האָט מיט אַ צעווייטאָגט האַרץ אַרויסגענומען דאָס קייטעלע פון טאַש, געוויזן דעם אַפּטייקער, ער זאָל אים פאַר דעם געבן די מעדיצין. דער אַפּטייקער האָט אַ מינוט באַטראַכט דאָס קיי־טעלע, שטיל געוואָרטשעט אין די וואָנסעס אַרײַן און אים געהייסן צוואַרטן, ביז ער וועט אויפסניי צורעכטמאַכן די מעדיצין.

מיט אַ האַלבער שעה שפּעטער האָט דער אַפּטייקער דערלאַנגט מאַטעלען אַ נײַ פלעשעלע, וואָס האָט אויסגעזען ווי דאָס פריערדיקע און געזאָגט:

— נאַ, נעם דיר אויך דײַן קוויטעלע צוריק. אָבער זע דער טאַטע זאָל באַצאָלן פאַר דעם רעצעפּט.

מאַטעלע איז אַ גליקלעכער אַהיים געלאָפן, פאָרזיכטיק, פעסט־האַלטנדיק דאָס פלעשעלע אין האַנט.

מאַטעלע איז אַרײַן אין שטוב. די מאַמע איז ניט געשלאָפן. אַ שכנטע האָט געהאַט אָנגעצונדן אַ לאָמפּ. די מאַמע איז געווען באַ־דעקט מיט אַ שווייס. די באַקן זײַנען בײַ איר געווען רויטלעך, זי האָט אויסגעזען זייער שיין. מאַטעלע האָט אַרויסגענומען פון געפּעס־שענקל אַן עס־לעפל, צוגעגאַנגען צו דער מאַמען, און געזאָגט:

— מאַמע, איך וויל דיר געבן אַ לעפל מעדיצין.

די מאַמע האָט אויף אים ליבלעך געקוקט, געגלעט זײַנע הענט און געשעפּטשעט:

— מאַטעלע, וואָס ביסטו אַזוי צעיאָכמערט און פאַרוויינט? עס איז מיר בעסער. עס האָט זיך מיר געחלומט אַז דער טאַטע איז דאָ. ער לאַכט און זינגט.

מאַטעלע האָט איר אָנגעגאָסן אַ לעפל פון פלעשל. די מאַמע האָט אַראָפּגעשלונגען און געשמייכלט:

— עס האָט אַ גוטן טעם.

— זאָל דיר זײַן צו אַ רפואה שלימה —האָט מאַטעלע פרום גע־זאָגט.

ער האָט איר אַלע דרײַ שעה אײַנגעגעבן די מעדיצין. שפּעט בײַנאַכט איז ער געגאַנגען שלאָפן אַ גליקלעכער וואָס גאָט האָט אים געהאָלפן, ער האָט געקענט קויפן די מעדיצין.

אינדערפרי האָט זיך די מאַמע געפילט זייער גוט. מאַטעלע איז דעם טאָג ניט געגאַנגען אין חדר און ניט אָפּגעטרעטן פון דער מאַמען.

מאַטעלעס מאַמע איז געזונט געוואָרן. ווען דער טאַטע איז פרײַטיק געקומען אַהיים אַ פריילעכער, אַן אויפגערוימטער, ווי אַלע מאָל, האָט ער שוין געטראָפן דער מאַמען געזונט און אַלץ איז שוין געווען צוגעגרייט אויף שבת.

ווען דער טאַטע האָט זיך ריינגעוואַשן און זיך איבערגעטאָן, איז מאַטעלע צוגעגאַנגען צו אים און מיט טרערן אין די אויגן געזאָגט:

— טאַטעשי, קאָנסטו פאַרקויפן דאָס קייטעלע?

— פאַרקויפן דאָס קייטעלע? —האָט דער טאַטע געפרעגט.— וואָסי, ס'איז דיר ניט געפעלן די חנוכּה-מתּנה?

מאַטעלע האָט וויינענדיק דערציילט ווי ער איז געפאַלן און צע־בראָכן דאָס פלעשל מיט מעדיצין. דער אַפּטייקער האָט אים געבאָרגט דעם רעצעפּט, אָבער אָנגעזאָגט אַז דער טאַטע זאָל באַצאָלן.

מאַטעלעס טאַטע האָט געשמייכלט אַ גליקלעכער:

— אַזוי גאָר? ווילסט פאַרקויפן דאָס קייטעלע צו באַצאָלן דעם אַפּטייקער? נו זונעניו, איך האָב נאָך אַ פּאָר גראָשן צו באַצאָלן דעם חוב. וויין ניט.

אויף פּורים האָט דער טאַטע געקויפט מאַטעלען אַ זייגער. מאַ־טעלע האָט פאַרוואונדערט געזאָגט:

— אָבער, טאַטע, דו האָסט דאָך געזאָגט אַז דו וועסט מיר קויפן אַ זייגער ווען איך וועל גרעסער ווערן. איך בין נאָך ניט גרעסער געוואָרן.

דער טאַטע האָט געשמייכלט:

— ווען דו האָסט געוואָלט פאַרקויפן דיין חנוכּה-מתּנה צו העלפן דער מאַמען, ביסטו שוין גרעסער געוואָרן. אַז איינער איז גרייט צו העלפן אַנדערע ווערט ער ממילא דערהויבן, דערגרויסט.

מאַטעלע האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס דער טאַטע האָט געמיינט, אָבער צופרידן איז דאָס יינגל געווען פון דעם טאַטנס רייד.

דעניס פרייד

אין די ערשטע זונטיקן גלייך נאָך פּורים, נעמט דער טאַטע דעם זעקס־יעריקן דעני אין אויטאָמאָביל און זיי לאָזן זיך אויף אַ שפּאַציר צו דער באַנגעלאָ, וואָס געפינט זיך אין די קעטסקיל־בערג.

דאָס פאָרט דער טאַטע צוגרייטן די באַנגעלאָ אויפן זומער. דעני האָט ליב די רייזע אין די פרילינג־זונטיקן, ווייל דעמאָלט זעט מען זיך אָן אַ וועלט מיט נייקייטן און וואונדערלעכע זאַכן.

דאָס מאָל איז עס געווען גאָר וואונדערלעך.

ווען זיי זיינען אַריינגעקומען אין פאָדערהייזל האָבן זיי געזען ווי אַ צעשראָקענער פויגל איז מיט אַ צוויטשערן אַראָפּגעפלויגן פון אַ ווינקל אין דער הויך אונטערן דעכל. דעני האָט באַלד געזען, אַז אויבן אין אַ ווינקל איז פאַראַן אַ פויגל־נעסט. ער האָט אויפן אָרט געוואָלט וויסן פאַרוואָס איז דער פויגל אַוועק אַ צעשראָקענער און דער פאָטער האָט עס טאַקע דערקלערט:

— אַ גאַנצן ווינטער איז די באַנגעלאָ געשטאַנען ליידיק. קיין מענטש האָט דאָ ניט אַריינגעשמעקט. האָט זיך דערווייל דאָ אַריינגעקליבן אַ פויגל, געמאַכט זיך אונטערן דעכל אַ באַקוועמע נעסט. איצט, אַז מיר זיינען פלוצעם אָנגעקומען, האָט זיך די מאַמע־פויגל דערשראָקן און אַוועק פון נעסט. אָבער זי איז ניט אַוועק ווייט. אָט שטייט זי אויף אַ צווייגל פון אַ בוים דאָ הינטערן פענצטער. זעסט? לאָמיר באַקוקן וואָס עס טוט זיך אין דער נעסט.

דער טאַטע האָט אויסגעזוכט אַ לייטער, אַרויפגעקראָכן און געזען פינף קליינע אייעלעך ליגן אין דער נעסט.

אַ גאַנצן טאָג, ווען דער טאַטע מיט דענין זיינען געווען אין דער באַנגעלאָ, איז די מאַמע־פויגל יעדע ווײַלע געקומען צופליען, געזעצט זיך איבער די אייעלעך, פאַרלייגט דאָס קעפּל אונטערן פליגעלע און געשוויגן. קוים האָט זיך איבערן שוועל באַוויזן דער טאַטע אָדער דעני, איז זי מיט רעש אַרויסגעפלויגן, זיך געזעצט אויפן צווייגל פון בוים הינטערן פענצטער און געהיט די מענטשן. ווער ווייס? אפשר האָט זי גראָד געווײנט אויף דעם וואָס מענטשן זיינען פּלוצעם געקומען אַהער און שטערן איר אויסצוברִיען די פינף אייעלעך אירע.

פאַרנאַכט־צו האָט זיך דער טאַטע אין דעני אַריינגעזעצט אין אויטאָמאָביל און צוריקגעפאָרן קיין ניו־יאָרק. דעני איז געזעסן אַ שווייגעדיקער און געטראַכט, וואָס עס וועט זיין מיט די פינף אייעלעך און ווי אַזוי מען קען העלפן דער מאַמע־פויגל. ער האָט געטראַכט און געטראַכט און געפרעגט דעם טאַטן:

— וועט מען דעם צווייטן זונטיק ווידער אַרויספאָרן צו דער באַנגעלאָ?

— אַז עס וועט זיין אַ שיינער טאָג, האָט דער טאַטע געענטפערט.

אַ גאַנצע וואָך איז דעני אַרומגעגאַנגען אַ צעררודערטער. אַלע קינדער אין דער שול האָבן געזען, אַז ער טראָגט עפּעס אַ סוד, אַ וויכטיקן סוד. האָבן זיי אים אויסגעפרעגט וואָס און ווען, אָבער דעני האָט געשוויגן, נים געוואָלט פריער דערציילן, ביז ער וועט זען, וואָס עס איז געוואָרן.

דער נאָענטסטער זונטיק איז טאַקע געווען אַ שיינער טאָג. ווידער האָט זיך דער טאַטע מיט דענין אַריינגעזעצט אין אויטאָמאָביל, געפאָרן אין די קעטסקיל־בערג און אין מיטן טאָג אָנגעקומען אין דער באַנגעלאָ.

ביי דענין האָט געקלאַפּט דאָס האַרץ ווען זיי זיינען צוגעקומען צום פאָדערהייזל. ווי דערשטוינט זיינען זיי געוואָרן, ווען זיי האָבן געעפנט די טיר און דערזען ווי אויף דער ערד איז געלעגן די נעסט אַ דורכגעווייקטע פון רעגן. אין דער נעסט זיינען געלעגן פינף ערשט־געבוירענע פייגעלעך, וואָס האָבן געציטערט פון קעלט. אַזוי ווי דעני מיטן טאַטן זיינען אַריין, זיינען צוויי גרויסע פייגל אַרויסגעפלויגן, באַזעצט זיך אויפן נאָענטן בוים, אומרואיק זיך געוויגט אויף די

צווייגן און ווידער געקומען צופליען דורכן אָפענעם פענצטערל צו די פינף פייגעלעך.

דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז איין פויגל איז די מאַמע פון די פינף פייגעלעך און דער צווייטער איז אַ דאָקטער, וואָס די מאַמע האָט מיטגעבראַכט צו היילן אירע ניי-געבוירענע קינדערלעך.

דעני איז געשטאַנען אַ פאַרכישופטער פון דעם בילד און גענומען באַוואַרפן דעם טאַטן מיט פראַגעס:

— וואו איז דער טאַטע פון די פייגעלעך?

— אַוועקגעפליגן זוכן שפּייז פאַר זיין הויז-געזינד.

— פאַרוואָס האָבן די גרויסע פייגל מורא פאַר מענטשן? פאַר-וואָס האָט די מאַמע-פויגל ניט געמאַכט איר נעסט אויף אַ בוים, נאָר אונטערן דאַך? פאַרוואָס איז די נעסט אַראָפּגעפאַלן? וועלן די פיי-געלעך לעבן?

— דער רעגן האָט דורכגעווייקט די נעסט, האָט דער טאַטע גע-זאָגט, איז זי אַראָפּגעפאַלן. די פייגעלעך וועלן אפשר לעבן. מען דאַרף אָבער גוט אַכטונג געבן אויף זיי און מען מוז זיי גוט דערוואַ-רעמען.

דעני איז געפאַלן אויף אַ פּלאַן. ער האָט אויפגעהויבן די נעסט מיט די פינף ציטערדיקע פייגעלעך און פאָרזיכטיק אַריינגעטראָגן אין שטוב און זיי אַוועקגעלייגט אויפן בעט, וואָס איז געשטאַנען פאַרדעקט מיט אַ קאָלדרע אַ גאַנצן ווינטער. נאָך דעם האָט ער גע-בעטן דעם טאַטן ער זאָל אָנצינדן דעם עלעקטרישן אויוון, כּדי עס זאָל ווערן וואַרעם, די פייגעלעך זאָלן זיך דערוואַרעמען.

דעני איז געווען אַ גליקלעכער, ווען די פייגעלעך האָבן זיך דער-וואַרעמט. ער האָט זיי נאָך דעם אַרויסגעטראָגן אין פאָדערהייזל און זיי צוריקגעלייגט אין דער נעסט אין ווינקל אונטערן דעכל. די גאַנצע צייט איז די מאַמע-פויגל מיט דעם אַנדערן פויגל געשטאַנען אויפן בוים, און זיי זיינען זיכער געווען אין כּעס וואָס פרעמדע מישן זיך אין זייער לעבן.

דעני איז געפאָרן אַהיים אַ גליקלעכער, וואָס ער האָט דערוואַ-רעמט די פייגעלעך און זיי צוריקגעלייגט אויף זייער באַקוועמען אָרט.

מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער, ווען ער איז מיט דער מאַמען און זיין ברודערל לאַרי אין שוועסטערל אסתּר אַרויסגעקומען אין דער

באַנגעלאָ, כּדי דאָ צו פאַרברענגען דעם זומער, האָט ער דאָס ערשטע געכאַפּט אַ קוק אויף דער נעסט וואָס איז נאָך אַלץ געווען אינעם ווינקל אונטערן דעכל. ער איז אַרויפגעקראָכן אויפן לייטער און געזען, אַז די נעסט איז געווען פּוסט און פאַרלאָזן, בלויז אַן איינזאַם פעדערל איז געלעגן און געטריקנט. אינדרויסן אַרום באַנגעלאָ זיינען פריילעך אַרומגעפלויגן פייגל און געזונגען. דעני האָט געטראַכט, אַז אפשר זיינען דאָס די פינף פייגעלעך, וואָס ער האָט אָנגעוואַרעמט און זיי צוריקגעבראַכט אין אַ זיכערן אָרט. זיין האַרץ איז ביי דעם געדאַנק געוואָרן פול מיט שטאָלץ און פרייד.

IV

ביי ייִדן אין צפֿון־אַפֿריקע

דאָס גאָלדענע אויערינגל.

דער וואַסער־פֿאַרקויפֿער.

זעקס ווייסע שעפּסן.

סאָלייקאַ פֿון טאַנזשיר.

דאָס גאָלדענע אויערינגל

וו
ען די זון האָט אין דעם פרימאָרגן אָנגעצונדן די זילבער־בלוילעכע פאַרשנייטע שפּיצן פון די אַטלאַס־בערג אין מאַראָקאָ, האָט דער באַרג־ייד, זכריה, אַ פּאַסטוך, פאַרלאָזן זיין קליינע דירה, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ שטעטעלע צווישן אַ שפּאַלט פון צוויי בערג און ער האָט זיך געקליבן צו גיין אין אַ ישוב, וואו עס וואוינען פיל יידן, כדי אויסצוגעפינען אַ חזן פאַר די יום־טוב־טעג.

די קליינע עדה יידן פון זיין שטעטל, סוס, האָט אים געשיקט ווי אַ שליח אויסצוגעפינען אַ חזן. זכריה אַליין איז געווען אַ גוטער בעל־מנגן, ער האָט געהאַט אַ גוט קול צו זינגען און ער האָט געקענט אויף זיין פּאַסטוך־פייפל אויסשפּילן וואונדערלעכע מעלאָדיעס, וואָס האָבן מיט זייער שיינקייט פאַרכישופט דאָס אויער פון עם צוהערער.

זכריה איז געווען אַ הויכער מאַן, מיט אַ שוואַרצער באָרד, וואָס האָט איינגערעמט אַ צעאַקערטן פון ווינטן, קעלטן און זון אָנגעלאָ־פענעם פנים. די באָרד איז ביי אים געווען אַזוי שוואַרץ, אַז זי איז שוין אַריינגעפאַלן אין אַ טיפער בלויקייט; זיינע שוואַרצע פייערדי־קע אויגן האָבן אַרויסגעשיינט פון זיין פנים. אין איין אויער איז פון זיין לעפל אַראָפּגעהאַנגען אַ דיק, רונדיק גאָלדן אויערינגל. געטראָגן האָט ער אַ ברייטע, גרויע אַבאַיע, וואָס האָט געפלאַטערט אין ווינט; אויף די נאַקעטע פיס — אָפּגעריבענע, פאַרשטויבטע סאַנדאַלן. גע־רעדט האָט ער העברעאיש און בערבעריש, דאָס לשון איז ביי אים אַרויסגעקומען מיט טיפע האַלדז־טענער, אָבער ער האָט פאַרמאָגט

אַ וואַרעמקייט, ווי דאָס געוויין פון אַ טשעלאָ. אין דער רעכטער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ לאַנגן, סענקעוואַטן פּאַסטוך־שטעקן.

עטלעכע טעג און נעכט האָט זכריה געוואַנדערט, ביז פון זיינע אויגן זיינען פאַרשוואונדן די שפּיצן פון די אַטלאַס־בערג. אין די פאַרטאָגס האָט דער זילבער־בלוילעכער טוי פון די פעלדער געוואַשן זיינע פיס מיט קילקייט און אַנגענעמער פרישקייט; אין מיטן טאָג — האָט די זון אים געבערענט מיט פלאַמיקן פייער; אין די פאַרנאַכטן— האָט ער גערוט אויפן פעלד אָדער אין אַ וואַלד. אין די טיפע, קילע לבנה־נעכט, האָט זיין לייב געפרוירן פון קעלט און ווינט. קיין שום שלעכטס האָט אים ניט געטראָפן, ווייל זכריה איז געגאַנגען מיט אַ זינגענדיק הארץ טאָן אַ מיצווה. ער האָט אַדורכגעשניטן שטעטלעך און דערפער, אַנגעפּאַקט ווי אַ מילגרוים מיט קערנער, מיט יידן, צווישן מאַסן אַראַבישע שכנים. אומעטום האָט זכריה נאָכגעפרעגט אויף אַ גוטן חזן, געפרייט זיך מיט זיינע יידישע ברידער און אויף זיינע גראָבע ליפּן האָט אַלעמאָל גערוט אַ ברכה פאַר זיי און יעדעס מאָל האָט ער זיין פּאַסטוך־פייפל אַרויסגענומען פון אַ שפּאַלט פון דער אַבאַיע און אַ נייעם ניגון אויסגעשפּילט.

אַ גוטן חזן האָט זכריה אַליין ניט אָנגעטראָפן.

זכריה האָט אויך ליב געהאַט צו דערציילן מעשיות פון די בערג־יידן, וואָס וואוינען אין מאַראָקאָ צווישן די אַטלאַס־בערג, וואָס ליגן ביי די ראַנדן פון דער סאַהאַראַ. זיי אַרבעטן שווער מיט אַקער און אייזן, מיט אייזל און קעמל, פּאַשען שאָף, שמידן אייזן, קופּער, זיל־בער, וועבן פלאַקס און וואָל און שלאָגן קוים אַריים אויף חיונה. זיי זיינען אויסגעמישט מיט אַראַבישע שכנים און לעבן מיט זיי בשלום.

נאָך אַ לאַנגן וואַנדערן איז זכריה אָנגעקומען אין דער שיינער שטאָט מאַראַקעש. ער האָט איבערגעטרעטן די שוועל פון ראש־הקהל מאיר סעבאַג, וועלכער איז געווען אַ קינסטלער און זעלטענער בעל־מלאכה צו מאַכן פּירעקיקע מאָזאַאיק־שטיינער צו פלאַסטערן ווענט און דילן פון רייכע הייזער.

מאיר סעבאַג האָט איינגעלאַדן זכריהן אויף עטלעכע טעג און אים צוגעזאָגט צו געפינען אַ גוטן חזן פאַר זיין עדה יידן. נאָך דעם זעלבן פאַרנאַכט איז געקומען דער חזן סעדיה מיט זיין יינגעלע ני־סים, וואָס איז געווען ביי אים אַ משורר. סעדיה האָט אויסגעזונגען

עטלעכע יום-טוב-תפילות. דאָס יינגל ניסים האָט אים צוגעהאָלפן און זכריה איז געווען צופרידן.

ניסים האָט זיך איינגעקוקט אין זכריהס פנים, געזען דאָס דיקע גאָלדענע אויערינגל אין זיין אויער, האָט ער אַ ניט-דרייסטער גע־פרעגט:

— פאַרוואָס טראָגט איר אַ גאָלדן אויערינגל אין אויער, פרעמדער?

די יידן ביים טיש האָבן געשמייכלט און די בערד אַריין און

זכריה האָט זיך צעשאָקלט מיט זיין גרויסן קערפּער און מיט אַ ניגון גענומען רעדן:

— האָסט געלערנט חומש, יינגעלע?

— יאָ! —האָט ניסים געענטפערט.

— געדענקסטו די פּרשה, וואו עס ווערט דערציילט, אַז ווען משה רבינו האָט זיך געזוימט אין הימל, זיינען די יידן אין דער מידבר צוגעשטאַנען צו אהרן-הכהן מיט אַ גרויס געשריי:

„שטיי אויף און מאַך אונדז אַ גאָט, וואָס זאָל גיין פאַר אונדז, וואָרעם דער מאַן משה וואָס האָט אונדז פון מצרים אַרויסגעפירט — ווייסן מיר ניט, וואָס מיט אים איז געשען!"

„אהרן־הכהן האָט זיך ניט געקענט העלפן, האָט ער געהייסן, אַז מען זאָל אים ברענגען אַלע גאָלדענע און זילבערנע אויערינגען, האַלדז־בענדער, אָרעם־בענדער, נאָז־רינגען, בראַסלעטן, פינגערלעך און דאָס אַלץ אַריינגעוואָרפן אין פייער".

— האָסט דאָס אַלץ געלערנט אין חומש, יינגעלע?

— יאָ! —האָט ווידער ניסים געענטפערט.

— איז זיי ווייסן —האָט זכריה ווייטער געצויגן זיינע רייד מיט אַ ניגון— אַז די אור־אור־עלטערן און אור־זיידעס פון די יידן, וועלכע וואוינען היינט אין מאַראָקאָ, האָבן זיך ניט באַטייליקט אין מאַכן דעם גאָלדענעם קאַלב. זיי האָבן ניט געוואָרפן אין פייער זייער גאָלד און זילבער, זייערע אויערינגען, נאָז־רינגען, האַלדז־בענדער. זיי האָבן ניט געוואָלט קיין אָפּגאָט, האָבן ניט געוואָלט דינען צו געצן! אַ סימן זעסטו, אַז מיר טראָגן אונדזערע גאָלדענע אויערינגען אין די אויערן!

זכריה איז שטיל געוואָרן. זיין קערפּער האָט זיך אַלץ געשאָקלט און די שאָטנס אויף די ווענט, האָבן צוליב דער נאַפט־לאָמפּ, וואָס איז געהאַנגען פון סופיט אַראָפּ, געמאַכט אויסטערלישע באַוועגונגען פון זכריהס צעוואַקסענעם שאָקלענדיקן קערפּער.

— פאַרוואָס טראָגן ניט אַלע יידן פון מאַראָקאָ אויערינגען אין די אויערן?, האָט דער קליינער ניסים ווייטער געפרעגט און זיינע באַקן האָבן געפלאַמט, זיינע אויגן האָבן געפינקלט פון זכריהס מעשׂה.

— פאַרוואָס?

איז מאיר סעבאַג, דער ראש־הקהל פון מאַראָקעש אויפגעשטאַנען פון דעם שטול, צוגעגאַנגען צו זיין ספרים־שאַנק, אַרויסגעצויגן פון ערגעץ אַ פאַרגעלטן פאַרמעט, אויסגעשפּרייט אויפן טיש פאַר אַלעמענס אויגן און גענומען דערציילן, וואָס אין דעם פאַרמעט שטייט פאַרשריבן:

— מיט אַן ערך פון הונדערט און פופציק יאָר צוריק, האָט מאיר סעבאַג אָנגעהויבן, האָט אין שטעטל איפראַן, אין מאַראָקאָ, דריי טעג גאַנג פון אַגאַדיר, געלעבט אַן עדה יידן; שטאַלצע, שטאַרקע יידן, וואָס

האָבן זיך מפרנס געווען מיט וועבן שיינע, קאָלירטע טעפּיכער און וואָלענע טיכער פאַר מענער און פרויען. איינמאָל אין אַ פרייטיק, ווען עס איז דער אַראַבישער רוטאָג, איז אויסגעבראָכן אַ געשלעג צווישן אַראַבער און יידן; אַ גרויס געשלעג, וואָס האָט אָנגעהאַלטן עטלעכע שעה. אין דעם זעלבן טאָג איז קיין איפּראַן אָנגעקומען אַן אַראַבישער גייסטלעכער. ווען ער האָט געזען, אַז די יידן שטאַרקן זיך און שלאָגן צוריק די אַראַבער, האָט ער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז צען יידן פון איפּראַן מוזן איבערגיין צום מאַכמעדאַנישן גלויבן, אויב נישט, וועט ער דעם ראש־הקהל לעבעדיקערהייט וואַרפן אין פייער.

ראש־הקהל איז דעמאָלט אין איפּראַן געווען נפתלי איפּריאַטי. אַ ייד אַ גרויסער הכם, געזעסן טאָג און נאַכט און געלערנט גאָטס וואָרט פון ספרים אַרויס. ווען עס איז אָנגעקומען די צייט, וואָס דער גייסטלעכער האָט געגעבן די יידן, אַז זיי זאָלן זיך שמדן, דעמאָלט האָט אַ גרויסער המון פון אַראַבער, מענער און פרויען, זיך פאַרזאַמלט אין מאַרק פון איפּראַן, כּדי צו זען, ווי יידן וועלן צו זייער גלויבן איבערגיין. צו זייער גרויס שטוינונג, האָבן זיי גאָר געזען, ווי עס קומט פון זיין דירה אַרויס ר׳ נפתלי איפּריאַטי, געהילט אין אַ טלית, ער גייט צו צום אַראַבישן גייסטלעכן און זאָגט צו אים:

— קיין איין ייד פון מיין עדה, וועט ניט עובר זיין אויפן דת. מיט מיין לעבן קענסטו טאָן אַלץ, וואָס דיין האַרץ גלוסט, ווייל איך בין אין דיינע הענט.

דער גייסטלעכער איז אַריינגעפאַלן אין גרויס גרימצאָרן און אויסגערופן:

— זאָל מען אַ פייער צעלייגן און דעם ייד נפתלי פון איפּראַן פאַרברענען!

באַלד האָט מען אַ פייער צעלייגט. נפתלי האָט זיינע אויגן צום הימל געהויבן און מתפלל געווען אַ טיף געבעט פון אַ צעבראָכענעם מענטשן. נאָך דעם האָט ער זיך אומגעקוקט אויפן המון און געזען אַן אַראַבישע פרוי מיט אַ לאָגל וואַסער אויף די פּלייצעס. האָט נפתלי אויסגערופן:

— גוטע פרוי, גיב מיר אַביסל וואַסער די הענט צו וואַשן!

האָט די פרוי אים ניט געוואָלט געבן קיין וואַסער פון איר לאָגל.

— איך דאַרף דאָס וואַסער אַנצוטרינקען מיין אייזל, מיינע הענדער און אויך באַגיסן די בלומען אין מיין גאָרטן, — אַזוי האָט די פרוי געזאָגט.

נפתּלי, דער ראש־הקהל, האָט געטראַכט אַ רגע און פון זיין אויער אַראָפּגעריסן דאָס גאָלדענע אויערינגל און עס געוואָרפן צו דער פרוי מיט די ווערטער:

— נעם דאָס גאָלדענע אויערינגל, גוטע פרוי, און גיב מיר אַביסל וואַסער פון דיין לאָגל!

ערשט דעמאָלט האָט די פרוי זיך צו דער ערד אַראָפּגעבויגן, דאָס אויערינגל גענומען און נפתּלין אויף די הענט וואַסער געגאָסן. נפתּלי האָט זיך געוואַשן די הענט צו דער גרויסער מיצווה פון קידוש־השם, ער האָט געזונגען פּסוקים פון תּהילים און זיך איבערגעגעבן די פייער־פלאַמען...

מאיר סעבאַג האָט דעם פאַרמעט פון זיינע הענט אַוועקגעלייגט אויפן טיש, אַראָפּגענומען די ברילן פון זיינע אויגן, באַטראַכט זיינע צו־הערער און ווייטער געזאָגט:

— פון דעמאָלט אָן, האָט מען אַ מינהג איינגעגראָבן אין אונדזערע הערצער, אַז צום אָנדענק פון נפתּלי איפּריאַטי, מער קיין גאָלדענע אויע־רינגען אין אונדזערע אויערן ניט צו טראָגן...

זכריה, דער באַרג־ייִד, האָט זיך פרום געשאָקלט, ווי ער וואָלט זיך צוגעהערט צו אַ געבעט, וואָס גייט פון זיין מויל אַרויס. מאיר סעבאַג האָט שוין איצט געשוויגן; סעדיה דער חזן, האָט שטיל געברומט אַ גע־זאַנג, נאָר ניסים, סעדיהס משורר, האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטן און ווייטער געפרעגט:

— פאַרוואָס טראָגט זכריה אָן אויערינגל אין אויער? צי איז ביי אים ניט גענוג הייליק, וואָס נפתּלי האָט זיין אויערינגל פאַר אַביסל וואַ־סער אַוועקגעגעבן?

די דערוואַקסענע ייִדן האָבן געשמייכלט אין זייערע בערד אַריין און מאיר סעבאַג האָט געענטפערט:

— זיי זיינען אַ גרויסער טייל ייִדן, וואָס וואוינען אין די בערג; זיי האַלטן, אַז זיי מוזן ווייזן דער וועלט, אַז זיי האָבן ניט צוגעטון קיין האַנט

ביים באַשאַפן דאָס גאָלדענע קאַלב. זיי האָבן קיינמאָל פון קיין געצן־דינסט ניט געהאַלטן און ווען די וועלט וועט זיי שוין באמת גלויבן, וועלן זיי דעמאָלט די אויערינגען פון די אויערן אַראָפּנעמען.

זכריה האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, אַז ער באַשטייט אויף די רייד פון מאיר סעבאַג.

עס איז שוין געווען שפּעט אין אָוונט. דער חזן סעדיה מיט ניסימען האָבן זיך געאײַלט אַהיים, כּדי זיך צוצוגרייטן אויף דעם לאַנגן וועג קיין סוס, דאָרט צו דאַווענען אין די יום־טוב־טעג.

אויפן צווייטן טאָג אין בלויען פרימאָרגן, האָט זכריה געשפּאַנט צום אַרויסגאַנג פון דער שטאָט מאַראַקעש, אויף דעם וועג, וואָס פירט צו די אַטלאַס־בערג. זיין ברייטע אַבאַיע האָט געפלאַטערט אין ווינט. מיט אים איז געגאַנגען דער חזן סעדיה און זיין יינגל ניסים. אַלע דריי האָבן זיך געפרייט מיט דער נסיעה, וואָס זיי גייען אַדורכמאַכן: זכריה האָט זיך געפרייט, וואָס ער האָט געפונען אַ גוטן חזן פאַר זיין עדה אין סוס; סעדיה האָט זיך געפרייט, וואָס ער וועט פאַרדינען אַ בייטל מיט זילבערנע מטבעות און קענען באַשפּייזן זיין הויזגעזינט. און ניסים האָט זיך געפרייט פון דעם, וואָס ס׳שטייט פאַר אים פאַר. די טראָפּנס טוי אויף די גראָזן אין פעלד, אין וועלכע עס האָבן זיך געשפּיגלט די זונשטראַלן, האָבן געוואַשן זייערע פיס און דאָס גאָלדענע אויערינגל אין זכריהס אויער האָט געפינקלט און געברענט אַנטקעגן דער זון...

דער וואַסער־פאַרקויפער

אין אַ קליין דערפל אין מאַראָקאָ, צפון־אַפריקע, האָט גע־וואוינט אַן אָרעמע יידישע מישפּחה מיטן נאָמען בענזאַקאַר. דער שפּייזער פון דער מישפּחה איז געווען דער פאָטער ר׳ חליפה, אַן ער־לעכער מאַן, וואָס האָט שווער און ביטער געהאָרעוועט און מיט גרויס מאָטערניש דערנערט זיין הויזגעזינד.

דאָס דערפל איז געלעגן ניט ווייט פון דער שטאָט מאַראַקעש, וואָס איז באַקאַנט אין מאַראָקאָ ווי איינע פון די עלטסטע און שענסטע שטעט. זי ליגט צופוסנס די פּרעכטיקע אַטלאַס־בערג. דאָרטן לעבן אַ הונדערט טויזנט אַראַבער און צוואַנציק טויזנט יידן, וואָס וואוינען אין גרויס ענגשאַפט און אָרעמקייט.

חליפה בענזאַקאַר האָט געהאַנדלט מיט פעלכלעך פון חיות, אויפ־געקויפט זיי אין די דערפער און דערנאָך פאַרקויפט אין שטאָט. יעדן פרימאָרגן האָט ער זיך מיט זיין אייזעלע אַרויסגעלאָזט פון זיין דערפל און געוואַנדערט איבער שטאָק און שטיין. ערשט שפּעט אין אָוונט איז ער צוריק אַהיים געקומען אַ מידער, אַ פאַרמאַטערטער, אָבער גליק־לעך, וואָס גאָט האָט אים היינט געהאָלפן און ער האָט עפּעס פאַרדינט פאַר זיין הויזגעזינד. ער האָט געלעבט פון שוויים און אַרבעט און ביי דער גאַנצער ביטערער האָרעוואַניע געווען פרייליך, צופרידן און פול מיט יידישן בטחון.

חליפה האָט געהאַט אַן ייִנגעלע מיטן נאָמען מסעוד, אַ שטילער, אַ פאַרחלומטער, מיט שוואַרצע גליאיקע אייגעלעך און ברוינלעכער

הויט, אַ שיין יינגל, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ מיזרח-פּרינץ, וואָס איז דאָ פאַרוואַלגערט געוואָרן אין דעם אַראַבישן דערפל צו אָרעמע טאַטע-מאַמע. ער האָט געטראָגן אַ צעריסן העמדל און אַלטע הויזלעך. ביז זיבן יאָר איז ער געגאַנגען אין חדר פון דערפל, וואו ער האָט זיך אויסגעלערנט עטלעכע ווערטער דאַווענען. ער האָט קליינערהייט צו־געהאָלפן דעם טאַטן אין זיין שווערער פרנסה. ער איז מיטגעגאַנגען אין די דערפער און צוגעהאָלפן ביים שלעפּן די טרוקענע פעל אין שטאָט אַריין.

איין מאָל איז חליפה קראַנק געוואָרן און עס איז ניט געווען ווער עס זאָל פאַרדינען אַ פּאָר מטבעות (מאַטבייעס), כּדי צו קויפן אַ שטיקל ברויט. דער הונגער איז געוואָרן שטאַרקער מיט יעדן טאָג. עס איז פּשוט ניט געווען קיין לעפל וואַרעמס צו געבן דעם קראַנקן טאַטן, כּדי אים צו דערהאַלטן ביי די כּוחות. האָט דער זיבן-יעריקער מסעוד ניט געקענט צוזען דעם צער פון טאַטן און דעם הונגער פון דער מאַמען מיט די שוועסטערלעך. האָט ער זיך באַטראַכט: אין די שטעט פון מאַראָקאָ פאַרקויפט מען וואַסער אין די גאַסן, פּשוט ריין־טרינקוואַסער. עס לויפן אַרום אַראַבישע קינדער און אַלטע לייט, פאַר־וואַרפן אויף די פּלייצעס אַ לאָגל, געמאַכט פון קעמל-פעל, און אין דעם לאָגל האָבן זיי וואַסער, וואָס די שטאָט-מענטשן טרינקען פאַר קליינע פּרוטות.

האָט מסעוד לאַנג ניט געטראַכט. ער האָט זיך אויסגעזוכט אַ לאָגל, אַ פאַרטריקנטע פעל, עס אויסגערייניקט, פאַרוואָרפן אויף די דאַרינקע פּלייצעלעך, און פאַרטאָג איידער די זון צינדט אָן די שניי־איקע שפּיצן פון די אַטלאַס-בערג, האָט ער זיך געלאָזט באַרוועס און הונגעריק אין דער שטאָט מאַראַקעש, אַן ערך פינף מייל וועגס. און אינאיינעם מיט דעם דערוואַכן פון דער שטאָט האָט זיך אָנגעהויבן די נייע פּרנסה פון דעם קליינינקן מסעוד. ער איז מיט מזל געוואָרן אַ וואַסער-פאַרקויפער.

ביי אַ שטאָט-ברונעם האָט ער אָנגעפולט זיין לאָגל מיט וואַסער און מיט אַ דין קולכל זיך געלאָזן איבער די גאַסן און געסעלעך פון מאַראַקעש, אויסשרייענדיק זיין סחורה.

דעם ערשטן טאָג, נאָכן אַרומלויפן ביז פאַרנאַכט, האָט ער פאַר־

דינט אויף צו קויפן אַ קליין ברויטל און אַביסל גרינע טיי־בלעטער פאַר דעם טאַטן. ער האָט זיך געאײַלט אַהיים מיט גרויס פרייד און שטאָלץ. זיין קליין הערצל האָט ביי אים האַסטיק געקלאַפּט. די פּיס־לעך האָבן אים לייכט געטראָגן, און אין מוחל האָט ער גערעכנט, וויפל ברויטלעך ער וועט קענען איינקויפן אין אַ וואָך צייט, און אפשר וועט דער טאַטע ווערן געזונט און ער וועט ניט דאַרפן קויפן די גרינע טיי־בלעטער, וועט ער בעסער קויפן קוסקוס (אַזאַ מין קאַשע, וואָס אַרעמע מענטשן עסן בלויז יום־טוב), און עס וועט זיין פריילעך און גוט.

אין שטוב האָבן אַלע אויפגעלעבט צוליב דעם ברויטל, וואָס מסעוד האָט אַהיים געבראַכט. דער טאַטע האָט זיך דערקוויקט מיט דער וואַרעמער טיי. ער האָט צוגערופן זיין יינגל, אַרויפגעלייגט אויף אים זיינע דאַרע הענט און אים געבענטשט פאַר זיין גוט האַרץ.

צו מאָרגנס פאַרטאָג איז מסעוד ווידער געלאָפן אין שטאָט אַריין מיטן לאָגל אויף די פּלייצעס. אָבער היינט איז שוין געווען שווערער, ווייל די אַראַבישע יינגלעך, די וואַסער־פאַרקויפערס, האָבן אין אים דערקענט אַ פרישן קאָנקורענט. האָבן זיי אים גענומען יאָגן און אָנ־טאָן געברענטע צרות, ווי, למשל, אויסדינגען די קונים, ניט לאָזן גיין אויפן טראָטואַר און אַנדערע בייזע שטיקלעך. דערצו טראָגן די אַראַ־בישע יינגלעך, די וואַסער־פאַרקויפערס, אויפן לאָגל אַזאַ מין ניקלנעם שטאַנג מיט גלעקלעך וואָס קלינגען. דאָס איז די שילד פון זייער גע־שעפט. אַז די יינגלעך לויפן אַרום, קלינגען זייערע גלעקלעך, און מען שטעלט זיך אָפּ טרינקען וואַסער. אָט קענען די קלינגענדיקע זילבער־גלעקלעך, וואָס זאָגן אָן דעם דאָרשטיקן שטאָט־מענטש די בשורה פון פריש וואַסער, האָט דער הונגעריקער, זיבן־יעריקער מסעוד געדאַרפט שווער קעמפן. האָט ער טאַקע גאָרנישט געקענט אויפטאָן מיט זיין סחורה. כאָטש ער האָט זיך געריסן דאָס העלדזל, געשריגן און מיט די שוואַרצע אייגעלעך געקוקט, אָבער איבערשרייען די גלעקלעך און פאַרלויפן די אַראַבישע יינגלעך דעם וועג, דאָס האָט ער ניט געקענט. עטלעכע יידן האָבן אויף אים רחמנות געהאַט. ער האָט פאַרקויפט אַ פּאָר לאָגלען וואַסער, אָבער עס איז ניט געווען גענוג אויף אַ גאַנץ ברויטל, און וועגן טיי פאַרן טאַטן איז שוין אָפּגערעדט...

איז דער צער פון דעם קליינעם מסעוד געווען גאַר גרויס. האָט ער געבעטן גאָט ער זאָל אים העלפן פאַרדינען, ער זאָל קענען זיך אַמאָל קויפן אַ פּאָר זילבערנע גלעקלעך. דעמאָלט וועט ער שוין קענען גענוג וואַסער פאַרקויפן און עס וועט שוין זיין אויף ברויט, אויף טיי און אויך אויף „קוסקוס".

טעג זיינען פאַרביי, דער טאַטע איז אַלץ ניט געזונט געוואָרן. אין שטוב האָט דער הונגער געמאַטערט, אַז עס איז ניט מער מעגלעך געווען אויסצוהאַלטן. מסעוד איז יעדן טאָג געלאָפן אין שטאָט אַריין, געשעפּט וואַסער ביים שטאָט־ברונעם, אַרומגעלאָפן, עפּעס פאַרקויפט. אָבער די גלעקלעך פון די אַראַבישע יינגלעך האָבן אים פאַרביטערט דאָס לעבן.

גראָד איז דעם זומער ניט געגאַנגען קיין רעגן — אַ טרוקן יאָר געווען. עס האָט גענומען אויספּעלן טרינקוואַסער. און צום ברונעם איז ניט מעגלעך געווען זיך צו דערשלאָגן. בלויז די שטאַרקע יינגלעך האָבן זיך מיט זייערע פויסטן צוגעקריגן צום ברונעם און מסעוד האָט אפילו קיין טראָפּן וואַסער ניט געקענט דערגרייכן פאַר זיין אויסגע־טריקנטן לאָגל. איז ער אַ פאַרביטערטער, אַ מידער, אַ הונגעריקער, אַ פאַרשעמטער אַהיימגעגאַנגען.

גייענדיק אַזוי פאַרזאָרגט, וואָס ער קומט מיט ליידיקע הענט, האָט ער פאַרבלאָנדזשעט אין מיטן די בערג און פעלדזן, ער איז אַריין אין אַ פלאָנטער און ניט געקענט אַרויס. פּלוצעם האָט ער מיט די אויערן אויפגעכאַפּט אַ שטילן רויש, וואָס זשומעט אָן אויפהער. ער האָט זיך אומגעקוקט און דערזען, ווי פון אַ באַרג־שפּעלטל רינט אַ וואַסערל, אַ ריינס, אַ קרישטאָלנס, אַ קילס. עס גליטשט זיך דער קליינער וואַ־סערפאַל מיט געזאַנג און פרייד, אָן אויפהער, און קומט פון ערגעץ אַ קוואַל אין די בערג.

מסעוד איז געבליבן שטיין אַ פאַרציטערטער. באַלד איז אין זיין מוח אויפגעקומען אַ געדאַנק: ער האָט זיך אָנגעצייכנט דעם וועג, געפונען דעם אַריינגאַנג פון פלאָנטער און געלאָפן מיט אַ הערצל פול פרייד און גליק, קיינעם גאָרניט דערציילט, נאָר אַזוי ווי די זון איז אויפגעגאַנגען, האָט ער זיך געפעדערט און געלאָפן מיטן לאָגל צום וואַסערפאַל, וואָס האָט פון אַ קוואַל געשטראָמט מיט גוטסקייט און

דינעם, זילבערנעם געדויש. ער האָט אָנגעטרונקען דעם לאָגל מיט וואַסער און זיך דערשלעפּט אין שטאָט אַריין. היינט האָט ער ניט מורא געהאַט פאַר די אַראַבישע וואַסער-סוחרים מיט זייערע גלעקלעך. זיין וואַסער איז פאַרצוקערט געוואָרן. ער האָט היינט פאַר איין לאָגל וואַסער געקענט קויפן אַ ברויטל פאַרן הויז.

צו מאָרגנס אין דער פרי האָט ער איינגעשפּאַנט דעם פּאַטערס אייזל, אַרויפגעלייגט צוויי לאָגלען, געמאַכט פון קעמל-פעלן און געפירט וואַסער אין שטאָט אַריין. די שטאָט-מענטשן האָבן זיך מיט אים געפרייט און גוט באַצאָלט פאַר דער פרישער, זיסער סחורה.

עטלעכע טעג צייט האָט מסעוד געפירט וואַסער אין שטאָט אַריין. אין די עטלעכע טעג האָט ער אַהיימגעבראַכט ברויט, טיי און קאַשע. ער האָט נאָך געשפּאָרט אַ פּאָר מטבעות צו קויפן זיך ניקלנע גלעקלעך, וואָס די שוועסטערלעך האָבן אָפּגעפּוצט און אויסגעשייערט, אַז זיי האָבן אויסגעזען ווי זילבער, ווי אמתער זילבער.

און ווען מסעוד האָט שוין געהאַט זיינע גלעקלעך גרייט איבערן לאָגל, האָט גענומען שטאַרק רעגענען, און די שטאָט-ברונעמער זיינען אָנגעפולט געוואָרן מיט וואַסער, אַזוי, אַז מסעוד האָט שוין מער ניט געדאַרפט איינשפּאַנען דעם אייזל און ניט געדאַרפט שלעפּן וואַסער אַזש פון זינגענדיקן, פריילעכן קוואַל, וואָס רינט צווישן אַ באַרג-שפּאַלט. נו, האָט ער זיך אַרויפגעשטעלט די גלעקלעך איבער זיין לאָגל מיט וואַסער און אַרומגעלאָפן איבער דער שטאָט, ווי אַן אמתער סוחר. און די אַראַבישע יינגלעך האָבן אים מער ניט געטשעפּעט. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז דער קליינער יידישער יינגל מסעוד, פון דעם דערפל בוזגאַמעש, האָט זיך כשר פאַרדינט זיינע „זילבערנע גלעקלעך". ער קען ווערן פון היינט אָן פאַררעכנט פאַר אַ וואַסער-סוחרל גלייך ווי זיי.

מסעודס ניקלנע גלעקלעך האָבן ניט אַזוי שיין געקלונגען ווי די זילבערנע גלעקלעך פון די אַראַבישע וואַסער-סוחרימלעך, דערפאַר האָבן זיי אָבער געגלאַנצט און שימערירט אונטער די שטראַלן פון דער זון.

ניט בלויז זילבער פאַרבלענדט די אויגן — אויך מעטאַל און ניקל קען אָנזאָגן די וואונדערלעכע בשורה פון ריין, קוואַליק וואַסער און פאַרבינדן מענטשן אין פריינדשאַפט.

זעקס ווייסע שעפּסן

דאָס שטעטעלע אַסני אין מאַראָקאָ ליגט אין אַ טיפער הייל און איז אַרומגערינגלט פון ביידע זייטן מיט ריזיקע בערג. דאָרט וואוינען יידן און אַראַבער, זיי פאַרנעמען זיך מיט פיטערן שעפּסן און רינדער, שפינען פלאַקס און ברענען ציגל.

דער הויכער שמעון האָט פאַרמאָגט אַ קליין הויז, אַ קעמל און צוויי אייזלען, וואָס האָבן גאַנצע טעג געשלעפּט ציגל איבערן שטעטל. ער האָט אויך פאַרמאָגט זעקס ווייסע שעפּסן, וועלכע זיין זון, דער קליינער מנשה, האָט געפּאַשעט אין די שפּאַלטן פון די בערג.

יעדן פרימאָרגן, ווען אַ העלע בלויקייט האָט זיך אַרויסגעשיילט פון די בערג, האָט דער הויכער שמעון געשפּאַנט זיינע אייזלען, אָדער דעם קעמל, און אָפּגעגעבן אַ לויב דעם באַשעפער פון דער וועלט פאַר דעם נייעם טאָג. ער האָט געדאַוונט און אויך מנשה האָט געדאַוונט. נאָכדעם איז דאָס יינגל אַריין אין שטאַל, אַרויסגעטריבן די שעפּסן און דורך די געדרייטע געסעלעך געלאָזט זיך צו די אָפענע בערג. אין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ שטעקן און אין בוזעם אַ שטיק ברויט אויף אַ גאַנצן טאָג.

האָרט ביי דעם הויכן שמעונס הייזקע, האָט זיך געפונען דער קליינער הויף פון דעם אַראַבישן האַלץ-העקער מולאַי-אַכמעד. ער האָט ניט פאַרמאָגט קיין אייזל און קיין קעמל, אָבער ער האָט געהאַט צען ווייסע שעפּסלעך און געפּאַשעט האָט זיי זיין יינגל, דער שטאַמלענדיקער מוסטאַפאַ.

מנשה און מוסטאַפאַ זײַנען געווען פֿרײַנד. גאַנצע טעג האָבן זײ זיך געפֿונען אין די בערג־שפּאַלטן צווישן פֿעלדזן, שטײנער, אונטער דער ברענענדיקער זון און אויך טײלמאָל אין שטורעמס, רעגנס און שטאַרקע ווינטן. די ייִנגלעך האָבן געהיט די קלײנע סטאַדעס שעפּסן, אויסגעהיט זײ פֿון בײזע חיות, רויב־פֿײגל און אָפּגרונטן. דער שטאַמלענדיקער מוסטאַפאַ האָט אויך פֿאַרמאָגט אַ הונט, וואָס האָט זיך געיאָגט נאָך די שעפּסלעך, ווען זײ האָבן פֿאַרבלאָנדזשעט ווײַט אין די בערג־שפּאַלטן. בײדע ייִנגלעך זײַנען געווען פֿון אָרעמע על־טערן. זײ האָבן זיך דערנערט פֿון ברויט, וואָס די מאַמעס האָבן זײ מיטגעגעבן און פֿון זיס־קוואַלנדיק וואַסער, וואָס איז זינגעוודיק גע־פֿאַלן פֿון הויכע פֿעלדזן.

כּדי די שעפּסלעך זאָלן זיך ניט פֿאַרטוישן, האָט דאָס אַראַבישע ייִנגל מוסטאַפאַ אָנגעטאָן גלעקלעך אויף די העלדזער פֿון זײַנע שעפּסן און מנשה האָט געפֿאַרבט די וואָל פֿון די פּיס פֿון זײַנע שעפּסן. אין די פֿאַרנאַכטן האָבן די ייִנגלעך געטריבן אַהײם זײערע קלײנע סטאַ־דעס צו נאַכטרו אין שטאַל.

אַזוי האָבן די ייִדישע און אַראַבישע מישפּחות געלעבט בשלום אין דעם שטעטל אַסני; געהאַנדלט, געאַרבעט; געבעטן גאָט אויף רעגן, געזונט, זאַטקײט. ייִדן האָבן געבעטן אין דער קלײנער שול און די אַראַבער אין זײער קלײנעם מעטשעט מיט דעם גרינעם טורעם אויפֿן דאַך.

אײנמאָל, אין אַ טריבן טאָג איז עס געווען: די שעפּסן האָבן זיך רואיק געפּאַשעט צופֿוסנס פֿון אַ באַרג. דער הונט האָט גע־דרימלט. מוסטאַפאַ האָט געבלאָזן אין אַ האָרן און אויסגעשפּילט אַ פֿאַרבענקט געזאַנג. מנשה האָט מיט אַ שאַרף מעסער געשניצט פֿון האָלץ אַ בעכער, דער טאַטע זײַנער זאָל שבת האָבן צו מאַכן קידוש אויף ווײַן.

פּלוצעם האָט דער הונט זיך אַ צאַפּל געטאָן, אויפֿגעשטעלט די אויערן און אַרויסגעלאָזט אַן אומהײמלעכן וואָיען. מוסטאַפאַ האָט אויפֿגעהויבן די אויגן צום הימל. ער האָט גענומען שטאַמלען:

— אַן אָדלער! ער פֿליט גלײַך צו די שעפּסן.

בײַ מנשהן איז אַרויסגעפֿאַלן דאָס מעסער פֿון דער האַנט. בײדע

יינגלעך האָבן גענומען לויפן צו די שעפּסן, כּדי זיי צו באַשיצן, דער הונט איז געלאָפן נאָך זיי. דער אָדלער איז אָבער געווען פלינקער פון זיי דריי. זיינע ברייטע פליגל, ווי ריזיקע פעכערס, האָבן זיך געהויבן אַרויף און אַראָפּ. דער קאָפּ זיינער מיט דעם שאַרפן, גרויסן שנאָבל איז געווען אָנגעשטעלט צו די שעפּסן. איידער די יינגלעך זיינען צו־געקומען צו דער סטאַדע, האָבן זיי געהערט אַ שרעקלעך מעקען פון די שעפּסן און דאָס ברומען פון אָדלער, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריק צו דער ערד און מיטן שנאָבל זיך איינגעביסן אין אַ שעפּסל. מיט בליציקער שנעלקייט האָט ער עס אויפגעהויבן און געלאָזט זיך פליען צו אַ הויכן פעלדז, וואו ער האָט געהאַט זיין שטענדיקע נעסט.

דאָס געשריי פון שעפּסל האָט זיך אויסגעמישט מיט דעם גע־קלאַנג פון גלעקל, וואָס איז געהאַנגען אויף זיין האַלדז. דאָס בלוט פון די צוויי יינגלעך איז פאַרגליווערט געוואָרן פאַר שרעק.

מנשה האָט אַ געשריי געטאָן:

— מען מוז טרייבן אַהיים די שעפּסן. דער אָדלער קען נאָך צו־ריק קומען!

— וואָס וועל איך טאָן —האָט דאָס אַראַבישע יינגל מוסטאַפאַ געיאָמערט— דער טאַטע וועט שרייען און מיך שלאָגן, פאַרוואָס דער אָדלער האָט געכאַפּט מיין שעפּסל און נישט דיינס, מנשה. דיין טאַ־טע האָט צוויי אייזלען, אַ קעמל. מיר האָבן גאָרניט.

— האָט איר דאָך איצטער ניין שעפּסן. מיר האָבן זעקס שעפּסן, צוויי אייזלען און אַ קעמל, איז אויך — ניין. זיינען מיר גלייך. דאַרפסט ניט וויינען, מוסטאַפאַ. איר האָט אויך אַ הונט.

— עס איז ניט גלייך —האָט מוסטאַפאַ זיך ניט געלאָזט טרייסטן.

די יינגלעך האָבן געטריבן די שעפּסן אַהיים. דער הונט איז גע־לאָפן פון הינטן. מנשה האָט געטראַכט אוועקצוגעבן זיינס אַ שעפּסל מוסטאַפאַן, ווייל דער אָדלער האָט דאָך טאַקע געקענט כאַפּן זיינס אַ שעפּסל, וואָס וואָלט דעמאָלט געווען? ער האָט אָבער מורא גע־האָט דאָס צו טאָן, דער טאַטע וועט שרייען, ער וועט באַלד זען אַז אַלע שעפּסלעך מיט געפאַרבטע פיס זיינען גאַנץ, בלויז איינס מיט אַ גלעקל אויפן האַלדז פעלט.

זיי זיינען אַהיימגעקומען פאַרזאָרגטע, פאַרוויינטע. מנשה האָט

אין זיין שטאַל אַריינגעטריבן זעקס שעפּסלעך און מוסטאַפאַ האָט גע־טריבן ניין מיט גלעקלעך אויף די העלדזער.

דעם זעלביקן פאַרנאַכט איז מולאַי־אַכמעד, דער האַלץ־העקער, געקומען צום הויכן שמעון מיט אַ געשריי:

— דער אַדלער האָט געמיינט צו כאַפּן דיינס אַ שעפּסל, שמעון, און געכאַפּט מיינס. איבער דעם, פריינד מיינער, דאַרפסטו מיר אָוועק־געבן דיינס אַ שעפּסל און עס וועט זיין שלום צווישן פריינד.

דער הויכער שמעון האָט ערשט געהאַט אויסגעשפּאַנט זיינע צוויי אייזלען. ער האָט אַ רוק געטאָן דאָס רונדיקע היטל אויפן קאָפּ, אויסגעגלייכט דעם מידן קערפּער און געלאָזן געזאָגט:

— פונוואַנען ווייסטו, מיין פריינד, מולאַי־אַכמעד, אַז דער אַדלער האָט געוואָלט כאַפּן מיין שעפּסל?

— אַזוי האָט זיך מיר געחלומט — האָט דער האַלץ־העקער גע־זאָגט.

מנשה און מוסטאַפאַ האָבן זיך אונטערגעהערט צו די רייד פון זייערע פאָטערס. דער הויכער שמעון האָט צוגעטראָגן וואַסער פאַר די אייזלען. ער האָט ווייטער געפרעגט:

— וואָס וואָלט געווען ווען עס חלומט זיך דיר, אַז דער אַדלער האָט געוואָלט דיינס אַ שעפּס רויבן?

מולאַי־אַכמעד האָט געשוויגן.

— מיר האָט זיך געחלומט — האָט שמעון געזאָגט — אַז דער אַדלער רויבט טאַקע דיינס אַ שעפּסל. אַזוי ווי מיר קענען זיך ניט אויסגלייכן, וועלן מיר גיין צום עלטסטן פון שטאָט און פאַרלייגן אונד־זערע טענות.

באַלד זיינען זיי געגאַנגען צום אַראַבישן עלטסטן פון שטעטל אַסני. הינטער זיי זיינען מיט געבויגענע קעפּ געגאַנגען: מנשה, מוס־טאַפאַ און דער הונט.

דער עלטסטער פון שטאָט איז געזעסן אויפן דיל מיט אונטערגע־לייגטע פיס. אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ ווייסן טורבאַן, זיין לייב איז געווען געהילט אין אַ ווייסן כאַלאַט. ער האָט אויסגעהערט די רייד פון מולאַי־אַכמעד און פון הויכן שמעון. זיין אַלט פּנים האָט זיך געקנייטשט. ער האָט געטראַכט, געטראַכט און אַזוי געזאָגט:

— דער הויכער שמעון, וואָס פֿאַרמאָגט זעקס שעפּסן, צװײ אײזלען און אַ קעמל דאַרף אָפּגעבן איין שעפּס צו מולאַי-אַכמעד, דעם גלויביקן אַראַבער, ווײַל אויך מיר האָט זיך געחלומט, אַז אַן אָדלער באַפֿאַלט אַ סטאַדע שעפּסן פֿון דעם הויכן שמעון און רויבט צו איין שעפּס.

דער עלטסטער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. דאָס הייסט, אַז ער האָט געגעבן דעם קלוגסטן אורטייל און אַלע זײַנען אַרויס אין דרויסן.

שמעון האָט אָוועקגעגעבן אַ שעפּס. מוסטאַפֿאַ האָט אים אויפֿגעהאָנגען אַ גלעקל אויפֿן האַלדז און געטריבן אין זײַן סטאַדע אַרײַן. מוסטאַפֿאַ האָט געטרייסט מנשהן:

— ווען דער אָדלער וועט איצטער כאַפּן דײַנס אַ שעפּסל, וועל איך דיר אויך צוריקגעבן מײַנס.

— וואָס וועט זײַן אַז עס וועט זיך דײַן טאַטן און דעם עלטסטן פֿון שטאָט חלומען פֿאַרקערט? — האָט מנשה געפֿרעגט.

— וועלן מיר זיי מוזן פֿאָלגן — האָט מוסטאַפֿאַ געשטאַמלט — מען מוז פֿאָלגן וואָס עלטסטע לייט הייסן טאָן.

מנשה האָט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ. ער האָט געוואוסט, אַז ער און זײַן טאַטע טאָרן זיך ניט אַקעגנשטעלן די רייד פֿון אַן אַראַבישן עלטסטן. אַפֿילו דעם חלום זייערן, מוז מען אויסטײַטשן ווי זיי ווילן, אויסטײַטשן צום גוטן...

סאַלייקאַ פון טאַנזשיר

אַמאָל, אַמאָל, האָט אין דער שטאָט טאַנזשיר (שפּאַנישע מאַראָקאָ) געלעבט אַן אָרעמע יידישע מישפּחה. דער טאַטע, אַהרן הגואל (האַגאָעל), האָט געלעבט פון פעל־שינדעריי און זייער שווער געאַרבעט אויף צו שפּייזן זיין הויזגעזינד. אַזוי ווי גאָט האָט אַהרנען און זיין ווייב ניט געגעבן צו לעבן מיט אַ ברייטער האַנט, האָט ער זיי דערפאַר געבענטשט מיט אַ טאָכטער. זי איז געווען שיין ווי די זון אין הימל. איר נאָמען איז געווען סאָל, און פאַרצויגן האָט מען איר נאָמען אויף סאָלייקאַ. מיט איר שיינקייט האָט דאָס מיידל באַלויכטן די אָרעמע שטוב און די אָרעמע גאַס, וואו דער פעל־שינדער האָט געוואוינט. מאַמעס האָבן געבענטשט זייערע טעכטער מיט סאָלייקאָס נאָמען און גאָט געבעטן, ער זאָל כאָטש אַ טייל פון דעם חן, וואָס געפינט זיך אין זיינע שאַץ־קאַמערן געבן אויך פאַר זייערע טעכטער, אַזוי גוט, ווי ער האָט סאָלייקאַן געגעבן.

איינמאָל האָט דער זון פון דעמאָלטיקן סולטאַן באַזוכט די שטאָט טאַנזשער. די חשובע לייט פון שטאָט זיינען אים אַקעגנגעגאַנגען מיט געזאַנג און טענץ. זיי האָבן אויך דעם פרינץ געבעטן, ער זאָל באַוויליקן צו בלייבן אין שטאָט אויף אַ סעודה, וואָס זיי ווען פאַר אים מאַכן. דער פרינץ האָט באַוויליקט.

און עס איז געווען אין מיטן פון דער שימחה, ווען דאָס האַרץ פון דעם פרינץ איז געווען פול מיט פרייד און זיינע אויערן פול מיט ליב־געזאַנגען, האָט ער געהייסן מען זאָל אים דערציילן, וועגן די אוצרות וואָס די שטאָט פאַרמאָגט און וועגן די מענטשן...

האָט זיך איינער אויפגעשטעלט און געלאָזט הערן זיין קול:

— הויכגעשעצטער פּרינץ, וואָס אין זיין ליכטיקן פּנים מיר קוקן איצט מיט גרויס פּורכט און אונטערטעניקייט, קיין גרויסע אוצרות האָבן מיר ניט. ביי אונדז זיינען אָבער פאַראַן שיינע מיידלעך. איינע פון די שענסטע מיידלעך, געפינט זיך ביי אַן אָרעמען ייד, איר נאָמען איז סאָלייקאַ.

— זאָל זי זיך שטעלן פאַר מיין פּנים!, האָט דער פּרינץ באַפוילן.

האָבן די אַראַבישע גאַסט-געבער זיך דערשראָקן. די טורבאַנען זיינען שיער אַראָפּגעפאַלן פון זייערע קעפּ און די מורא האָט זיך אויף זייערע נעזער צעשפּרייט. איינער פון זיי האָט געזאָגט:

— זי איז אַ יידיש מיידל, די סאָלייקאַ, פון אַן אָרעם יידיש הויז. ווי אַזוי קאָן זיך אַ יידיש מיידל שטעלן פאַרן ליכטיקן פּנים פון פּרינץ, דער זון פון אַלמעכטיקן סולטאַן?

— זאָל זי זיך פאַר מיין פּנים שטעלן!, האָט דער פּרינץ באַפוילן.

מען האָט זיך באַלד געלאָזן צו דעם אָרעמען יידנס הויז, מען האָט דאָס מיידל אויפגעוועקט, אַ קליידל אויף איר לייב אַרויפגעוואָרפן און געבראַכט זי פאַרן פּנים פון פּרינץ.

און עס איז געווען, ווען ער האָט זי דערזען, איז ער פון איר שיינקייט שטאַרק פאַרכישופט געוואָרן. זיין פּנים איז געוואָרן בלייך און רויט און ער האָט שוין זיינע אויגן פון סאָלייקאַן ניט געקאָנט אַראָפּנעמען.

ער האָט סאָלייקאַן פאַרשידענע פראַגן געפרעגט און אין אַ שמועס זיך אַריינגעלאָזן. דער שמועס איז געווען ווי אַ גען, אין וועלכן מען פאַלט אַריין און מען קאָן זיך ניט מער אַרויספּלאָנטערן.

דער פּרינץ האָט אויף צומאָרגנס פאַרלאָזט די שטאָט און אויפן קול געלויבט דאָס יידישע מיידל פאַר איר שיינקייט און פאַר איר חכמה. ער האָט געהייסן מען זאָל די יידן אין טאַנזשער ניט דריקן און ניט באַשווערן מיט נייע לאַסטן.

די יידן האָבן זיך געפרייט און אַהרן דעם פעל-שינדערס הויז באַוואָרפן מיט גוטע רייד.

לאַנג האָט די שימחה ניט אָנגעהאַלטן. איינמאָל איז געקומען אַ שליח פון סולטאַנס הויף קיין טאַנזשער און גלייך פאַרפאָרן אין דעם

פעל-שינדערס הויז. אַריין אין דער ענגער שטוב און אַוועקגעלייגט אַ פּאַק מתּנות פאַר סאַלייקאַן: גאָלד, זילבער, פּערפומען, אוילן פאַר איר לייב צו שמירן און טייערע זיידענע קליידער. און געזאָגט האָט ער, דער שליח, אַז עס איז דער באַפעל פון פּרינץ, סאַלייקאַ זאָל באַלד קומען אין דער רעזידענץ-שטאָט פעז און זיך שטעלן אין פּאַלאַץ פון סולטאַן.

איז אויף דער מישפּחה הגואל אַ גרויסע שרעק און פרייד אָנגעפאַלן. זיי האָבן ניט געוואוסט, ווי אַזוי אָנצוהייבן לויבן גאָט פאַר דעם עשירות, וואָס ער האָט זיי געטאָן שענקען און פאַר דעם חן און לייטזעליקייט, וואָס זייער טאָכטער סאַלייקאַ, וואָס טראָגט נאָך ניט אויף אירע פּלייצעס קיין גאַנצע זעכצן זומערן, האָט געטאָן געפינען אין די אויגן פון דעם שיינעם אַראַבישן פּרינץ. זיי זיינען דעריבער געלאָפן צום רב און כאַכאַם פון שטאָט און געפרעגט, וואָס צו טאָן? האָט דער רב באַפוילן, אַז סאַלייקאַ זאָל באַלד מיט דעם שליח פאָרן און זיך מעלדן אין פּאַלאַץ פון סולטאַן. עס איז אַ באַפעל פון מלכות - -האָט דער כאַכאַם געזאָגט— און מען טאָר ניט עובר זיין אויף אַזאַ באַפעל.

סאַלייקאַ האָט זיך געזעגנט מיט אירע עלטערן און מיט דער גאַנצער שטאָט יידן, וואָס האָבן זי פאַר דעם גוטן שליח געמאַכט, זי זאָל אויסבעטן פאַר יידן אַ לייכטערן לעבן און אָפּשרייען אַלע פינצטערע גזירות.

סאַלייקאַ איז אָנגעקומען אין סולטאַנס הויף. מען האָט זי דאָרט אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס, איר צוגעטיילט אַ סך דינער און דינסטן, און געזאַלבט האָט מען איר לייב מיט די טייערסטע איילן, וואָס געפינען זיך אין דעם סולטאַנס שאַץ-קאַמערן. נאָכדעם האָט מען דאָס קליינע יידישע מיידל, די טאָכטער פון אַן אָרעמען פעל-שינדער, פאָרגעשטעלט פאַרן סולטאַן אַליין. אויך אין דעם סולטאַנס אויגן האָט זי געפונען חן, און ער האָט באַוויליקט, אַז דאָס יונגע יידישע מיידל זאָל בלייבן אין זיין הויף.

געבליבן איז סאַלייקאַ אין סולטאַנס הויף. מען האָט זי גענומען לערנען שפּראַכן און די מאַכמעדאַנישע רעליגיע. יעדן טאָג זיינען צו איר געקומען שיינע פרויען, געזאַלבט אירע גלידער, געשפּילט פאַר

איר אויף פאַרשידענע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן, געטאַנצט פאַר איר אַלערליי טענץ. נאָכדעם זיינען געלערנטע פון קאָראַן געקומען צו איר און מיט קלוגע, כיטרע רייד מיט איר גענומען לערנען די אַראַבישע דינים. דאָס מיידל איז געבליבן אַ פאַרציטערטע. איר איז קלאָר געוואָרן, אַז מען האָט זי דאָ פאַרנאַרט, כּדי זי איבערצורײדן, איבערצוגיין צום מאַכמעדאַנישן גלויבן. האָט זי דעריבער אירע אויערן פאַרמאַכט און אירע ליפּן געשלאָסן. האָבן די גייסטלעכע געשטוינט און דאָס דעם פּרינץ דערציילט.

איז דער פּרינץ צו איר געקומען, מיט איר זיסע רייד גערעדט און געזאָגט, אַז ווי נאָר ער האָט זי געזען, האָט זי אין אים אָנגעצונדן אַ פייער פון פרייד און בענקשאַפט. ער קאָן אָן איר מער ניט לעבן. האָט ער גערעדט מיט זיין פאָטער, דעם מעכטיקן סולטאַן, און דער פאָטער איז באַשטאַנען, אַז זיין זון זאָל מיט דעם יידישן מיידל חתונה האָבן, נאָר זי מוז איבערגיין צום מאַכמעדאַנישן גלויבן.

האָט סאָלייקאָ אויסגעהערט די רייד פון פּרינץ און געענטפערט, אַז זי וועט דאָס ניט טאָן. זי איז אַ יידיש קינד און וועט איר גלויבן ניט איבערבייטן.

זי איז געבליבן אין דעם וואונדערלעכן פּאַלאַץ. דינסטן האָבן איר געלייגט רויזן פאַר די פיס, אַלע ניגונים אויסגעשפּילט און אויסגעזונגען, רייד פאַר איר געשפּונען פון אַראַבישן הייליקן בוך — דער קאָראַן.

אַ צייט האָט מען זי צורו געלאָזן. דערנאָך האָט מען ווידער מיט איר גערעדט, זי זאָל זיך באַזינען, מיטן פּרינץ חתונה האָבן, ווערן אַן אַראַבישע פרוי און זיין גליקלעך. האָט סאָלייקאָ אַפילו די רייד צו אירע אויערן ניט צוגעלאָזט.

זיינען יידן געשטאַנען פאַר אַ גרויסער צרה, צוליב דעם איינגעשפּאַרטן מיידל. און אַ גזירה איז אַרויס, אויב סאָלייקאָ וועט זיך ניט שמדן, וועט מען די יידן פון לאַנד פאַרטרייבן.

אָבער סאָלייקאָ איז געבליבן איינגעשפּאַרט. זי וועט ניט אַוועק פון איר פאָלק, זי וועט ניט פאַרבייטן איר גלויבן, —האָט זי געשריגן מיט געוויין. האָט מען דעריבער זי אין תּפיסה געוואָרפן, אין קייטן

געשמידט. דאָס פרומע מיידל האָט אַלץ ניט געוואָלט אָפּנויגן פון יידישן גלויבן.

איז דער פרינץ געקומען אין תפיסה, געבעטן, אַז זי זאָל זיך באַזינען. אָבער זי האָט זיינע רייד ניט געוואָלט הערן. אַ לאַנגע צייט האָט מען זי אין דער תפיסה געהאַלטן. מען האָט צו איר גערעדט, אַז זי זאָל צוליב טאָן דעם פרינץ, אָבער עס האָט ניט געהאָלפן. זי איז געבליבן פעסט ביי זיך.

און עס איז געווען, ווען מען האָט שוין אין סולטאַנס הויף איינגעזען, אַז מען וועט די סאָלייקאַ ניט איבעררייידן זי זאָל אַריבער צום איסלאַמישן גלויבן, ניט מיט גוטן און ניט מיט בייזן, זי וועט מיטן פרינץ ניט חתונה האָבן, האָט מען שטאָפּעטן איבערן לאַנד צעשיקט, באַפוילן אַן אַראַבישן געריכט דאָס מיידל צו מישפּטן; מישפּטן אַ קנעכט פאַר ווידערשפּעניקן די מלוכה...

זיינען די אַראַבישע ריכטער געזעסן אויף זייערע הויכע זיץ־פלעצער, מיט די פיס אונטער זיך און געטראַכט. די מוחות האָבן זיי געשאַרפט, די שטערנס געקנייטשט, רייד געפּאַכטן פאַר און קעגן, רייד פון רחמים און רייד פון דין — אַזוי לאַנג האָבן זיי די מוחות געשאַרפט, ביז זיי זיינען איבערגעגאַנגען צום האַרבן דין — ניט קיין האָר רחמנות, און אויפן דריטן טאָג אַן אורטייל אַרויסגעגעבן: מען זאָל סאָלייקאַן אין עטלעכע טעג אַרום אומברענגען אויפן מאַרק פון דער שטאָט פעז און זאָלן אַלע ווידערשפּעניקע און ניט־גלויביקע זיך אַראָפּנעמען אַ מוסר אויף וויטערדיקע דורות און דורות.

צו דער באַשטימטער צייט האָט מען סאָלייקאַן אומגעבראַכט. געטאָן איז עס געוואָרן פאַר אַלעמענס אויגן אין דער מיט פון קיילעכדיקן מאַרק פון דער אַלטער אַראַבישער שטאָט פעז, אין דער שטאָט, וואו עס האָט אַמאָל געוואוינט, און געווען אַ דאָקטער דער גרויסער יידישער געלערנטער — דער רמב״ם.

נאָכדעם האָט מען זי באַגראָבן אויפן וועג, וואָס ציט צו דער שטאָט פעז. פון דעמאָלט אָן קומען אויפן קבר פון דעם מיידל סאָלייקאַ, טויזנטער אָרעמע, אומגליקלעכע, קראַנקע מענטשן פון ווייט און ברייט. זיי בעטן אויף איר קבר, צינדן ליכט, זינגען געזאַנגען און גייען אַוועק פון דאָרטן געליייטערטע, געזונטע, און געהאָלפענע...

פון דעם זעלביקן מחבר

•

„דאָס ראָד פון מזל"

דערציילונגען, „ציקאָ" ביכער־פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1949. (פרעמירט פון צבי קעסעל ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע, 1949).

„אַ ברונעם ביים וועג"

דערציילונגען, פאַרלאַג „אונדזער בוך", בוענאָס־איירעס, אַרגענטינע, 1953.

„בנות הקדר"

ראָמאַן אין העברעאיש, פאַרלאַג „אחיאסף", ירושלים — ישראל, 1954.

„האַרבסט אין וויינגאָרטן"

דערציילונגען און דראַמעס, פאַרלאַג „יידבוך", בוענאָס־איירעס, אַרגענטינע, 1956.

„ווי א בוים אין פעלד"

ראָמאַן, פאַרלאַג „יידבוך", בוענאָס־איירעס. אַרגענטינע, 1958.

פון די אַרויסגעבער:

היי־יאָר, צו דעם 6טן יאָרצייט פון אַלטער ראָזנטאַל, איז הסכם מיטן אָפּמאַך צווישן דער משפּחה פון אַלטער ראָזנטאַל און דער „געזעלשאַפט קולטור און הילף א. נ. ארטור זיגעלבוים", דערשיינט דאָס צווייטע בוך פון דעם „אַלטער־ראָזנטאַל פאָנד", וואָס מיר טראָגן צו פאַר די יונגע יידישע לייענערס.

מיט גרויס צופרידנקייט קענען מיר פעסטשטעלן, אַז דאָס ערשטע בוך פון אונדזער פאָנד — „היסטאָרישע געשטאַלטן" פון יודל מארק, האָט אויסגענומען ביי אונדזערע יונגע פריינד. ניט נאָר אין ארגענטינע זיינען די ביכער גאָר גוט פארשפּרייט געוואָרן; מען האָט די „היסטאָרישע געשטאַלטן" פארלאַנגט פון גאָר דער יידישער וועלט; דער אָפּרוף איז געווען א זייער גוטער. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס פעלט דער מין ליטעראַטור און, אַז עס זיינען אויך פאַראַן בעלנים אויף דעם.

מיר זיינען זיכער, אַז אויך דאָס איצטיקע בוך „דער רייטוואָגן" פון משה דלוזשנאָווסקי, וועט מיט אנערקענונג אויפגענומען ווערן פון אונדזערע יונגע לייענער אומעטום; אַז זיי וועלן הנאה האָבן פון די דאָזיקע דערציילונגען, וואָס פירן זיי אַריין אין אומבאַקאַנטע לענדער און שטעלן פאַר זיי פאַר אומבאַוווּסטע געשטאַלטן.

די משפּחה פון אַלטער ראָזנטאַל האָט טאַקע געגעבן די מעגלעכקייט פון דער שאַפונג פון דעם דאָזיקן פאָנד; די „געזעלשאַפט קולטור און הילף א. נ. ארטור זיגעלבוים" האָט איבערגענומען די אַפּוטרופּסות פאַר דאָס אַרויסגעבן און פארשפּרייטן די ביכער. זאָל יעדער וועמען עס איז נאָענט צום האַרצן דער גורל פון דעם אונטערוואַקסנדיקן דור, וואָס וויל אין דעם אייגענעם נאַכוווּקס זען א וויטערדיקן המשך פון אונדזער נעכטן און היינט, מיטהעלפן פאַר דער מאַקסימאַלסטער פארשפּרייטונג פון די אויסגאַבעס פון אונדזער „אַ ל ט ע ר ר אָ ז נ ט אַ ל פ אָ נ ד פ אַ ר י י ד י ש ע ק י נ ד ע ר - ל י ט ע ר אַ - ט ו ר".

●

וועגן אַלע ענינים פון דעם „אַלטער ראָזנטאַל־פאָנד" דאַרף מען זיך פארשטענדיקן אויפן אַדרעס:

S. ZYTNICKI

Boulogne Sur Mer 385, 2º p. Dep. A

BUENOS AIRES Rep. Argentina

אַרויסגעגעבענע ביכער פון
„אַלטער ראָזענטאַל־פאַנד פאַר
יידישע קינדער־ליטעראַטור”

1. יודל מאַרק — „היסטאָרישע געשטאַלטן„ (צו דעם 5טן יאָר־צייט פון אַלטער ראָזענטאַל — 14טער יולי 1957).

2. משה דלוזשנאָווסקי — „דער רייטוואָגן” (צו דעם 6טן יאָרצייט פון אַלטער ראָזענטאַל — 14טער יולי 1958).

Es propiedad del Autor.

Hecho el depósito según
marca la ley No 11.723.

Coopyright, 1 9 5 8
by M. Dluznowsky
246 West End Ave.
New York 23, New York

Impreso y editado en la Argentina.
Printed and Published in Argentine.

Editado por:

FONDO ALTER ROZENTAL

pro Literatura Infantíl Judía

Dependiente de la "Asociación pro Cultura y Ayuda Artur Zygelbaum".

MOSHE DLUZNOWSKY

THE CHARIOT

STORIES

•

BUENOS AIRES

1958

MOSHE DLUZNOWSKY

EL CARRO

RELATOS

BUENOS AIRES
1958

Este libro se terminó de
imprimir el día 1º de
J u n i o de 1958,
en los Tall. Gráficos
"C U L T U R A"
Sarmiento 2157
Bs. Aires.